STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02080

DI LETSTE TEG FUN A FERURTHEYLTEN

Victor Hugo

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02080-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657020804T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פערלאג פראגרעס, לאנדאן.

וויקטאר הוגא.

די לעצטע טעג
פון א פערארטהיילטען.

איבערזעצט פון א. ביילין.

מיט א פארועדע פון
דר. ש. מ. מלמד.

ארויסגעגעבען פון
מ. זוסמאן, 90 ניו רויד, וויטשעפעל א.
לאנדאן, 1910.

געדרוקט אין זוסמאנס דרוקעריי 90, ניו רויד א.

וויקטאר הוגא.

פֿון

דר. ש. מ. מעלאמעד.

I.

יעדע פעריאָדע האָט איהר גרויסען דיכטער־פֿירסט. אינ׳ם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט איז דאָס געווען וואַלטער, צום ענדע פֿונ׳ם אַכצעהנטען און אָנפֿאַנג נייענצעהנטען יאָהרהונדערט געהטע און אינ׳ם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט ווידער אַ פֿראַנצויז — וויקטאָר הוגאָ.

אין דער ליטעראַטור געשיכטע פֿונ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט פֿארנעהמט הוגאָ דעם ערשטען פּלאַץ און די פֿראַנצויזען האַלטען איהם נאָך גרעסער פֿון געהטע. דאָס איז אַפֿילו נישט אמת, אָבער זיכער איז וויקטאָר הוגאָ אַ נאַפּאָלעאָן אין דער ליטעראַטור און מ׳קען ניט פֿאַרשטעהען די קולטור פֿון דעם נייענצעהנטען יאָהרהונדערט ווען מ׳איז ניט בעקאַנט מיט וויקטאָר הוגאָ

פֿאַר אונז האָט נאָך הוגאָ אַ גרעסערע בעדייטונג. ערשטענס איז ער דער גרויסער פֿרייהייטסהעלד און דער נביא פֿונ׳ם געדאַנק פֿון הומאַניטעט. און צווייטענס איז ער דער גרעסטער פֿריינד פֿון אידישען פֿאָלק אין זיין צייט. וואַלטער איז געווען אַ שונא פֿונ׳ם אידישען פֿאָלק, אַ פֿאַנאַטישער אַנטי־

סעמיט. געהטע איז אַפילו קיין אַנטיסעמיט ניט געווען, אָבער מ׳קען איהם אויך ניט אַריינרעכענען צווישען די פריינד פונ׳ם אידישען פאָלק, נאָר וויקטאָר הוגאָ אַליין פאַרדיענט אונזער סימפּאַטיע, ווייל ער איז געווען ניט אַליין דער גרעסטער משורר פון זיין דור, זאָנדערען דער גרעסטער מענש און דער גרעסטער פריינד פון אַלע אונטערדריקטע און פערפאָלגטע, און ספּעציעל אַ גרויסער פריינד פון אידען. נאָך קורץ בעפאָר זיין טוידט האָט ער צוגעשריבען פאַר די אונטערדריקטע יודען פון רומעניען און רוסלאַנד 6 מילליאָן פראַנק און האָט זיך מיט ראָטשילד׳ען געקריעגט פאַר וואָס ער העלפט אַזוי ווייניג זיין נאַציאָן.

דיעזער געפיהל פאַר אונטערדריקטע, דיעזע ליעבע צו דעם מין מענש ציהט זיך ווי אַ רויטע פאָדעם דורך אַלע זיינע שריפטען, לירישע געדיכטע, ראָמאַנען, דראַמען א. ז. וו.

וויקטאָר הוגאָ איז ניט געווען דער אָלימפּישער, רוהיגער, איבער דער וועלט ערהאַבענער געהטע ער איז אויך ניט געווען נור אַ פּאַרטייִ מענש ווי וואָלטער אין זיין נאַטור פעראייניגען זיך די לעבהאַפטע פאַנטאַזיע פון אַ ראָמאַנטיקער מיט דעם שטאַרקען ווילען פון אַ רעוואָלוציאָנער, דער לעבענדיגע זינן פאַר גערעכטיגקייט און הומאַניטעט און די ליידענשאַפטליכע ליעבע פאַר אָריענטאַלישע און ראָמאַנטישע פּראַכט. ער בע־גייסטערט זיך פאַר די שענע העלבלויע שטערנבעזעצטע נאַכט פון אָריענט, פאַר די שטימונגספאָלע לעגענדען, ווי פאַר דעם קאַמפּף געגען דעספּאָטיע און פאַר׳ן נצחון פון אמת און יושר.

אין הוגאָ איז דער פּאָעט אַזוי גרויס ווי דער מענש און דער מענש אַזוי גרויס ווי דער דיכטער. דערפאַר איז ער איין אויס־נאַהמע און נאָר איינעם פון די גרויסע ליטעראַטור־געניען אין׳ם 19־טען יאָהרהונדערט, איך מיין לאָרד בייראָן, קען מען מיט איהם פערגלייכען.

אין דיעזען זינן האָבען די פראַנצויזען רעכט, וואָס זיי מיינען אַז הוגאָ איז גרעסער אַלס געהטע ניט אַלס דיכטער און שריפטשטעלער, ניט אַלס קינסטלער און פילאָזאָף — אָבער אַלס

מענש. הוגאָ וואָלט געווען אַלס מענש אַליין אונשטערבליך, נאָר אַלס דער גרעסטער דיכטער פֿון זיין פֿאָלק און פֿונ׳ם גאַנצען יאָהרהונדערט איז ער דאָפּעלט אונשטערבליך.

II.

וויקטאָר הוגאָ איז געבוירען געוואָרען אין 1802 אין דער קליינער פֿראַנצויזישער שטאָדט בעזאנסאן. זיין פֿאָטער איז געווען אַ בעריהמטער גענעראַל און אַלס קינד האָט ער מיט זיין פֿאָטער געמאַכט פֿיעלע רייזען איבער שפּאַניען, איטאַליען און פּאָרטוגאַל. דיעזע איינדריקע פֿון דער שענער נאַטור, פֿון די לעבהאַפֿטע פֿעלקער מיט זייערע ליידענשאַפֿטען און הייסען טעמפּעראַמענט, האָבען שטאַרק געווירקט אויף זיין עמפּפֿענגליכעס געמיט. זיעבצעהן יאָהר אַלט, דרוקט ער זיינע ערשטע געדיכטע וואָס מאַכען אַ גרויסען רושם און ער ווערט באַלד בעריהמט. לודוויג דער אַכצעהנטער בעשטימט פֿאַר איהם אַ פּענסיאָן און ער קאָן גאַנץ יונג הייראַטען. לואיס פֿהיליפּ מאַכט איהם צום פּעער פֿון פֿראַנקרייך און אין יאָהר 1848 איז ער דעפּוטירטער אין פֿראַנצויזישען פּאַרלאַמענט.

נאָך דעם שטאַאַטסרייך פֿון נאפּאלעאן דעם דריטען ווערט הוגא פֿון פֿראַנקרייך אַרויסגעטריבען, ווייל ער האָט געפֿיהרט אַ מלחמה געגען נאפּאלעאן. אינ׳ם דריטען נאפּאַלעאן האָט ער געזעהן דעם אונגליק פֿון פֿראַנקרייך און ביז נאפּאלעאנ׳ס מפלה האָט ער געלעבט אין גלות, אָבער ער האָט ניט אויפֿגעהערט אויך צו קעמפֿפֿען מיט איהם פֿון ווייטען. ער האט נאפּאלעאנ׳ען אין ליעדער פֿערשפּאָטעט און ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער פֿון איהם חוזק געמאַכט.

אינ׳ם 4־טען סעפּטעמבער 1870 איז וויקטאָר הוגאָ געקומען צוריק קיין פּאַריז און איז באַלד געוואָרען צום מיטעלפּונקט פֿינ׳ם ליטעראַרישען און קינסטלערישען פֿראַנקרייך. מ׳האָט

איהם געפֿייערט אַלס דעם נאַציאָנאַלען העלד, אַלס פּאָעט און אַלס פּאַטריאָט. מיט שטאָלץ האָט דאַס אונגליקליכע פֿאָלק געקוקט אויף זיין גרויסען פּאָעט און זיי האָבען אין איהם טרייסט געפֿונען אין זייער אונגליק.

אזוי ווי ער איז געווען אַלס פּאָליטיקער און פּאַטריאָט אימער אַקטיוו, אַזוי איז ער אויך געווען פּראָדוקטיוו אַלס פּאָעט. ווייניג פֿראַנצויזישע פּאָעטען זיינען געווען אַזוי פּראָדוקטיוו ווי הוגאָ.

אינ'ם יאָהר 1822 זיינען געדרוקט געוואָרען זיינע אָדען, אין 1829 — די אָריענטאַלען, 1831 — די הערבסט בלעטער, 1835 — די דעמערונגס געזענגע, 1837 — די אינערען שטימען 1840 — די שטראַהלען און שאָטען. פֿון 1853 ביז 1859 זיינען אַרויס דריי ביכער פֿון זיינע נייע געדיכטע, דאַן זיינע געדיכטע „פֿון וואַלד און פֿון גאַס", „דאָס שרעקליכע יאָהר", „די לעגענדען פֿון יאָהרהונדערט" און נאָך אַנדערע ווייניג בעקאַנטע.

דאָס איז נאָר פּאָעזיע. זיינע ראָמאַנען, בעזאָנדערס „די עלענדע" „נאָטרע דאם פֿון פּאַריז" האָבען בייגעטראָגען צו זיין אונשטערבליכקייט ניט ווייניגער ווי זיין פּאָעזיע.

זיין ליריק איז בעריהמט פֿאַר איהר געוואַלטיגען פּאטהאס: געוואַלטיגע, שעפּפערישע פֿאַנטאַזיע, פּרעכטיגער ריטמוס, רייכטהום פֿון דער שפּראַך און אידעאַלען שטרעבען. הוגאָ דענקט נאָר אין בילדער, אין אָבסטראַקטע געדאַנקען איז ער ניט זעהר רייך. צייטענווייז איז ער אורשפּרינגליך, נאַאיוו און אין פֿיעלע שירים ווי צום ביישפּיעל אין L'expiation ערהויבט ער זיך צו דער קראַפֿט פֿון אַ פּראָפֿעט.

ער פּראָטעסטירט געגען דאָס אונרעכטע, דאָס אונשולדיג פֿערגאָסענע בלוט און ווייזט די גערעכטיגקייט פֿון דעם שיקזאַל. דער גרויסער נאַפּאָלעאָן פֿאַלט, דאָס איז זיין שטראָף פֿאַר זיינע חטאים......

אין זיינע ראָמאַנען דאַגעגען, ספּעציעל אין „די עלענדע" איז ער פּאסט נאַטוראַליסט. ער שילדערט דאָס לעבען פֿון גאַס, פֿון אָרעמע און עלענדע, פֿון די וואָס זיינען פֿון שיקזאַל פֿער־

פֿאָלגט. אָבער אין אַלע זיינע ראָמאַנען דערקענט מען דעם גרויסען אַפּאָסטאָל פֿון דער הומאַניטעט, דעם מענשען פֿון רחמים און מיטלייד, דעם גרויסען אידעאַליסט. דאָס וועט אויך דער לעזער דערקענען אין דיעזען בוך „דער לעצטער טאָג פֿון אַ פֿערוּרטהיילטען".

און דערפֿאַר פֿאַרדיענט דיעזער אונשטערבליכער פּאָעט דאָפּעלט געקענט און געליעבט ווערען פֿון אונז.

לאָנדאָן, מערץ 1910.

דער לעצטער טאָג
פֿון א פֿערוּרטיילטען.

I

פֿערוּרטיילט צום טוידט!

שוין פֿינף וואָכען זייַנען אַוועק און איך לעב אַלץ מיט דעמזעלבען געדאַנק, וועלכער פֿאַרקיהלט אין מיר מיין בלוט און פרעסט מיין מח מיט זיין גאַנצער משא.

און דאָך אַמאָל, — מיר ווייזט זיך אויס אַז ניט קיין וואָכען, נאָר גאַנצע יאָהרען זיינען שוין זייט דאַן אַריבער — בין איך געווען אַמענש גלייך מיט אַלע. יעדע מינוט האָבען געהאַט פֿאַר פֿאַר מיר אַ געוויסע בעדייטונג און ווערטה.

מיין מח איז געווען יונג און מיין פֿאַנטאַזיע רייך. די פֿאַרבלאָזע, בלייכע בילדער פֿון דער ווירקליכקייט, האָבען זיך מיר פֿאָרגעשטעלט אין וואונדערבאַרע פֿאַרבען. איך האָב גע־טרוימט פֿון יונגע, שענע מיידלאַך, פֿון שעמערירענדע מאַנטלען פֿון גייסטליכע, פֿון מלחמות און נצחונות, רוישענדע טהעאַטערע, בעגאָסען מיט ליכט און ווידער פֿון יונגע מיידלאַך און שפּאַ־ציערגענגע אונטער די שאָטענס פֿון געדיכטע קאַשטאַנען בוימער. אין מיין פֿאַנטאַזיע איז שטענדיג געווען יום טוב. איך האָב געקענט טראַכטען פֿון וואָס איך האָב געוואָלט — איך בין פֿריי געווען!

איצט בין איך אַ געפֿאַנגענער. מיין קערפּער איז אין טורמע, געשלאָסען אין קייטען, און מיין נשמה איז אין דער הערשאַפֿט פֿון איין געדאַנק — אַ שרעקליכער, אַ בלוטיגער, אַ שווידער־האַפֿטער.

מיין מח דריקט איין מחשבה, ווייסט נאָר פֿון איין מורא'דיגען פֿאַקט: פֿעראורטיילט צום טוידט!

וואָס איך זאָל ניט טהון, דיעזער געדאַנק איז שטענדיג מיט מיר. ווי אַ ביטערער קאָשמאַר באַגלייט ער יעדע בעוועגונג מיינע, שטעהט שטענדיג פֿאַר מיר, אונגליקליכער, שטענדיג גרייט אַרומכאַפּען מיך אין זיינע אייז־קאַלטע אָרעמס, ווען איך וויל מיך אָבקעהרען פֿון איהם אָדער צומאַכען אַנ'אויג. דיעזער געדאַנק דרינגט אריין טיעף אין מיין מח ווי אַזוי איך זאָל מיך ניט וועלענפֿאַרגע סען אין איהם אויף אַ רגע. ווי אַ טרויעריגער לויה־מאַרש באַגלייט ער יעדען וואָרט וואָס וועט אויסגערעדט צו מיר. דער געדאַנק איז צוזאַמען מיט מיר פֿאַרשלאָסען צווישען די עקעלהאַפֿטע גראַטעס פֿון טורמע, געוועלטיגט איבער מיר ווען איך וויל מיך אָננעהמען מיט מוטה, ער היט מיין אונרוהיגען שלאָף און שטעלט זיך מיר פֿאָר אין מיינע חלומות אינ'ם געשטאַלט פֿון אַ מעסער.

איך כאַפּ מיך שנעל אויף, איך הויב מיך אָן צו בערוהיגען אַז ס'איז נאָר אַ חלום, אומזיסט! איידער נאָך איך עפֿען מיינע אויגען אינגאַנצען, איידער נאָך מיין בליק באַגעגענט זיך מיט די זאַכען וואָס רינגלען מיך ארום אין דער ווירקליכקייט — מיטן פֿייכטען פֿאָל פֿון מיין קאַמער, מיטן שוואַכען שיין פֿונ'ם נאַכט־לעמפּעל, מיט מיינע גראָבע קליידער, מיט דער דונקעלער פֿיגור פֿונ'ם אויפֿזעהער — שוין דאַן רוימט מיר אַריין אַ מאָנדער קול אין אויער: פֿעראורטיילט צום טוידט!

II

ס'איז געווען א שענער הערבסט טאג,

שוין דריי טעג, זייט מיין משפט האט זיך אנגעהויבען, זייט מיין נאמען און מיין פארברעכען קלייבט צונויף אלע פריהמאר־גען א מאססע פון נייגעריגע מענשען, וועלכע זעצען זיך אויס אויף די בענק פונ'ם גערינכטס זאל, ווי ראבען ארום א טוידטען קערפער; שוין דריי טעג, געהען פערביי מיר, ווי גייסטער — עדות, פערטיידיגער, פראקוראָרען, צייטענווייז גראבע, לעכערליכע, צייטענווייז בלוטיגע און שטענדיג בייזע און ביטערע פאראויסזא־גער. די ערשטע צוויי נעכט בין איך געווען אונרוהיג און ניט גע־קענט שלאפען, אין דער דריטער נאכט האב איך איינגעשלאפען פון מיעדקייט און לאנגווייליגקייט. ארום האלבע נאכט האב איך פערלאזען דאס געריכט, ווען מיינע געשוואָרענע זיינען אוועק זיך מיישב זיין, מ'האט מיך ארייגעפיהרט אין מיין קאמער, איך האב זיך אווארף געטהון אויפ'ן שטרוי, וואס האט מיר געדינט אלס געלעגער און האב אלעס פערגעסען אין א טיעפען טוידטען שלאף. דאס זיינען געווען די ערשטע שטונדען פון רוהע, נאך א רייהע טעג, פול מיט שרעק.

איך בין נאך געווען פערזונקען אין א טיעפען שלאף, ווען מ'האט מיך גענומען וועקען. דעם מאל איז ניט געווען גענוג אום צו אויפוועקען מיך ניט די שווערע שטיוועל פון דעם אויפזעהער, ניט דאס קלינגען פון בינטעל שליעסלען, ניט דער טויבער רעש פון די טיהרען־שלעסער. דער אויפזעהער האט מיך אנגענומען פאר דער פלייצע מיט זיין גראבער האנד און גענומען טרייסלען און שרייען גלייך מיר אין אויער אריין:

— שטעהט אויף!

איך האב געעפענט די אויגען און מיט שרעק זיך אויסגעדרעהט. אין דעם מאמענט האב איך דערזעהען דורך דער שמאלער, הויכער פענסטער פון מיין קאמער אויף דער שטעליע פונ'ם קארידאר

וואָס דיענט אונז אַלס הימעל, אַ ליכטיגען אָבשיין, אין וועלכען די אויגען, וואָס זיינען געוואוינט צו דער פינסטערניש פון טורמע האָבען גרינג דערקענט אַז דאָס איז אַנ'אָבשיין פון דער זונן.

איך האָב ליעב די זונן.

— היינט איז אַ שענער טאָג,— האָב איך מיך אָנגערופען צום אויפזועהער.

אין ערשטען מאָמענט האָט ער גאָרניט געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען צו ס'איז כדאי מיר ענטפערן אָדער ניט. דערנאָך, האָט ער גראָב, ווי אָהן חשק אַ מורמעל געטהון:

— יא, עס שיינט אַזוי.

איך בין געזעסען אונבעוועגליך, נאָך ניט אויסגעשלאָפען און צוגעשמייכעלט און ניט אַראָבגענומען קיין אויג פון דער גאָלדענער אָבשיין פון דער זונן.

— אַנ'אויסגעצייכענטער טאָג! — האָב איך געזאָגט.

— יא, — האָט ער געענטפערט, — אָבער מ'וואַרט דאָך אויף אייך.

אָט דיעזע פאָר ווערטער, גלייך ווי אַ פאָדעם וואָס פאַרשטעלט דעם וועג אַ פליעג צו פליהען, האָבען מיך אומגעקעהרט צו דער פיינליכער ווירקליכקייט. ווי דורך די שנעלקייט פון אַ בליץ איז פאַר מיר אויסגעוואַקסען דער גריכטס זאַל, די ריכטער און זייערע רויטע, ווי פערבלוטיגטע, מאַנטלען, דריי רייהען פון עדות מיט טעמפע פנים'ער, צוויי זשאַנדארמען פון מיינע ביידע זייטען, שוואַרצע אויפגערעגטע מאַסע צושויער, וועלכע קאָכט זיך דאָרטען טיעף אין זאַל און די אויגען פון די צוועלף געשוואָרענע, וואָס האָבען זיך איינגעפרעסט אין מיר און וועלכע זיינען געווען וואַכענדיג ווען איך בין געשלאָפען.

איך בין אויפגעשטאַנען, מיינע צייהן האָבען געקלאַפט, מיינע הענד האָבען געציטערט, איך האָב ניט געקענט געפינען מיינע קליידער און בין קוים געשטאַנען אויף די פיס. מאַכענדיג דעם ערשטען טראָט, בין איך שיער ניט געפאַלען, ווי אונטער אַ שווערער משא, דאָך בין איך געגאַנגען נאָך דעם אויפזועהער.

צוויי זשאַנדאַרמען האָבען שוין געוואַרט אויף מיר בײַ דער טיר פֿון מיין קאַמער. מ׳האָט אויף מיר אָנגעטהון קייטען, צוגעשלאָסען מיט אַ שלעסעל. איך האָב ניט געמאַכט קיינע פּראָטעסטען. איך בין געוואָרען ווי אַ מאַשין,

מיר זיינען אַריין טיעף אין הויף. די פֿרישע לופֿט האָט מיך געשטאַרקט. איך האָב פֿאַרריסען דעם קאָפּ. דער הימעל איז געווען לויטער, בלוי און דאָס שעמערירענדע שיין פֿון דער זונן, האָט זיך געשפּיעלט אויף די הויכע, ערנסטע ווענט פֿון דער טורמע. דער טאָג איז ווירקליך געווען אַ פּראַכטפֿאָלער.

מיר האָבען זיך אויפֿגעהויבען אויף געדרעהטע טרעפּ, דורכגעגאַנגען איין קאָרידאָר, דערנאָך אַ צווייטען, אַ דריטען און ענדליך אַריין דורך אַ נידעריגער טיהר. אַ שטיקענדע לופֿט און רעש פֿון מענשען האָט מיר אַ קלאַפּ געטהון אין געזיכט. דאָס זיינען געווען די מענשען וואָס האָבען אָנגעפֿיהלט דעם געריכטס זאַל.

ווען איך בין אַריין האָט זיך דורכגעטראָגען דורכן זאַל אַן׳אונדייטליכער, אויסגעמישטער רוישען פֿונ׳ם קלינג פֿון געוועהר און קולות פֿונ׳ם עולם. אין דער מינוט וואָס איך בין דורגעגאַנגען דעם לאַנגען זאַל, צווישען דער מאַסע, וועלכע איז געווען אָבגעטיילט פֿון מיר דורך צוויי רייהען פֿון סאָלדאַטען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין אַ צענטר פֿון וועלכען עס ציהען זיך דראָטען וואָס ברייגען אין בעוועגונג אַט די אַלע נייגעריגע פּנימער,

אין דעם מאָמענט האָב איך בעמערקט אז איך בין בעפֿרייט פֿון די קייטען, נאָר איך קאָן מיך ניט עראינערען — ווען און ווער האָט מיך בעפֿרייט פֿון זיי,

דערנאָך האָט אָנגעהויבען הערשען אַ טוידטע שטילקייט, איך האָב פֿערנומען מיין פּלאַץ. באַלד ווי ס׳איז שטיל געוואָרען אין זאַל, האָט אַ מאָדנע רוהיגקייט ארומגענומען מיין מח. אַלץ איז מיט אַמאָל קלאָהר געוואָרען, איך האָב פֿערשטאַנען אז ס׳איז אָנגעקומען דער וויכטיגסטער מאָמענט און אַז מ׳האָט מיך אַהער געבראַכט אויסהערען מיין אורטהייל,

איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, נאָר דער געדאַנק האָט אויף מיר

ניט געמאַכט קיין שטאַרקען איינדרוק. די פענסטער זיינען געווען אָפען; די אויסערע לופט און דער רעש פון שטאָדט האָבען זיך פריי אַריינגעריסען אין זאַל, וועלכער איז געווען העל בעלויכטען ווי לכבוד אַ חתונה; די שטראַהלען פון דער זונן האָבען געמאָהלט ליכטיגע פיגורען אויף די פענסטער־ראַמען, האָבען זיך אויסגעצויגען אויפֿן פּאַל און אויף די טישען, זיך אָנגעטשעפעט, צעברעקעלטע, אין די ווינקלען און געהאַנגען אין דער לופט ווי גאָלדענע שטויב זיילען.

די ריכטער האָבען געהאַט צופֿריעדענע פּנימער, ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי זיך געפרעהט וואָס דער פּראָצעס איז שוין צו ענדע. דער פּנים פון'ם פאָרזיצענדען, בעגאָסען אַביסעל מיט דער שיין פון דער זון, האָט אויסגעזעהען רוהיג און גוטמוטהיג. איינער פון די געריכטס שרייבער האָט פאַרריכט זיין קראַגען און געפלוידערט כמעט פרעהליך מיט אַ שענער דאַמע אין אַ רויטליכען הוט, וועלכע איז געזעסען אונטער איהם.

נאָר די געשוואָרענע האָבען אויסגעזעהען בלייך און פאַרצאָרענט, אַפּנים פון מידקייט: זיי זיינען דאָך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, אייניגע פון זיי האָבען געגענעצט. אין זייער אויסזעהען איז גאָר ניט געווען אַזעלכעס, וואָס זאָל איבערצייגען, אַז די מענשען זיינען פעהיג אַרויסטראָגען אַ טוידט אורטהייל, און אויף די פּנימער פון אַט די גוטע בורזשויעס האָב איך קיין אַנדערעס ניט געקענט איבערלייענען ווי נאָר אַ גרויסען חשק זיך אויס צו שלאָפען.

גלייך אַקעגען מיר איז געווען אַ ברייט צועפענטער פענסטער. איך האָב געהערט פון גאַס דאָס געלעכטער פון בלומען פערקויפערינען, צווישען די שטיינער פון מויער וואָס ביים פענסטער האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ קליינע געלע בלום. וואָס נאָר איין גאָט ווייסט ווי אַזוי זי קומט דאָ וואַקסען. די בלום איז געווען איינגעטונקען אין זונן און האָט זיך פרעהליך געשטיפט מיטן פרישען ווינטעל.

האָט זיך געקאָנט אַריינגנבה'נען אין הארצען אַ שרעק־

ליכער געדאַנק צווישען אַזאַ פרייד און שענהייט? ועהענדיג אזא רייצענדע זונן האָב איך ניט געקאָנט טרוימען וועגען עפּעס אַנדערס אויסער פרייהייט. אַ האָפנונג האָט מיך בע־ לייכט אינערליך ווי די זונן וואָס שיינט אויסער מיר און אַרום מיר און איך האָב רוהיג געווארט אויף מיין אורטהייל.

דערוויילֿ איז אָנגעקומען מיין פערטהיידיגער. מ'האָט אויף איהם דאָ געווארט. ווי עס שיינט האָט ער נאָר וואָס געהאַט אַ גוטען אַפּעטיטליכען פריהשטיק. אַוועקזעצענדיג זיך, האָט ער זיך אָנגעבויגען צו מיר מיט אַ שמייכעל

— לאָמיר האָפען, — האָט ער זיך אָנגערופען.

— געוויס. האָב איך געענטפערט אויך מיט אַ שמייכעל.

— יאָ, יאָ! איך בין נאָך ניט בעקאַנט מיט זייער בעשלוס, נאָר וואַהרשיינליך וועלען זיי אייך אַנערקענען אַלס מערדער פון צווייטען גראַד און מ'וועט אייך פערורטיילען צו אייביגע קאַטאָרגע.

— וואָס רעדט איהר? האָב איך אויסגעשריען מיט שרעק — שוין ליעבער פאַר מיר הונדערט מאָל מעהר דער טויט.

יאָ דער טויט! — נאָר אַ שטימע אין מיר האָט גע־ שעפּטשעט, אַז דיעזער וואָרט איז ניט מעהר ווי אַ פראַזע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ טויט אורטייל ווערט אַרויסגעטראָגען גאָר אין אַ פינסטערען זאַל, ביי דער שיין פון פאַקעלען, אין אַ קאַלטער ווינטער נאַכט! ס'איז גאָר אונמעגליך, אַז מ'זאָל קענען איצט אָט דאָ ארויסטראָגען אַ טויט אורטייל, אין דעם שענעם ליכטיגען אויגוסט פריהמאָרגען, מיינע אויגען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויפן שענעם בלום, וואָס איז בעגאָסען מיט שטראַהלען.

דער פאָרזיצענדער, וועלכער האָט מסתמא געוואַרט ביז מיין פערטיידיגער וועט אַריינקומען אין זאַל, האָט מיר געהיי־ סען אויפשטעהן, אין דיעזען מאָמענט האָט זיך דאָס גאַנצע פובליקום אויפגעהויבען, גלייך ווי זיי וואָלטען אַלע עלעקטע־ ריזירט געוואָרען, עפּעס איינער, מיט אַ קלעגליך געזיכט,

וועלכער איז געזעסען ביי אַ בעזונדער טיש נעבען דער טריבונע פון די ריכטער, האָט אָנגעהויבען לעזען דעם אורטייל, וואָס די געשווארענע האָבען אַרויסגעטראגען, אַ קאלטער שוויים האָט באַדעקט מיין שטערען און האב זיך געמוזט אנשפאַרען כדי איך זאל ניט אומפאַלען.

— הערר פערטיידיגער, האט איהר עפּעס וואָס צו באַמערקען בנוגע דער ריכטיגקייט פונ'ם אורטייל? האט דער פארזיצענדער געפרעגט.

איך.... איך האב אַ סך געהאַט וואָס צו זאָגען, נאר איך האב גארניט געזאגט. מיין צונג איז צוגעקלעפּט געווארען צום גומען.

דער פערטיידיגער האט זיך אויפגעהויבען.

איך האָב פערשטאַנען, — ער האָט זיך בעמיהט פועלען אַז מ'זאָל פערלייכטערען מיין שטראָף, אויף דעם זעלבען שטראָף, וועלכער האָט מיך אַזוי פיעל אויפגערעגט.

איך האָב געוואָלט אַ געשריי טהון, דאָס וואָס איך האָב איהם שוין פריהער געזאָגט: „שוין ליעבער דער טויט!" נאָר עפּעס האָט מיך געוואָרגען, מיר האָט מיט אַמאָל אויסגעפעהלט לופט צו אָטהעמען, איך האָב נאָר געקענט אַ חאַפּ טהון מיין פערטהיידיגער פאַר אַ האַנד און מיט די לעצטע קרעפטען האָב איך אַ געשריי געטהון: „ניין!"

דער פּראָקוראָר האָט געטענהט געגען מיין פערטהיידיגערס ווערטער און איך האָב מיך צוגעהערט מיט אונקלאָרער צופרידענהייט. דערנאָך זיינען די ריכטער אַרויס פון זאַל, און באַלד ווידער צוריקגעקומען און דער פאָרזיצענדען האָט פאָרגעלעזען מיין אורטייל.

— פערואורטיילט צום טויט! — האָט נאָכגעזאָגט ווי אַ ווידער־קול דער המון. אין דער צייט וואָס מ'האָט מיך אַרויסגעפיהרט האָט זיך דער גאַנצער עולם געריסען צו מיר, גלייך ווי די הויז וואָלט איינפאַלען אונטער מיר. אַ צעטומעלטער און ווי פערשכורט בין איך געגאַנגען, עפּעס מאָדנעס איז אין מיר

פֿאַרגעקומען. איידער מ'האָט אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל האָב איך געפֿיהלט אַז איך לעב, אָטהעם מיט דער זעלבער לופֿט גלייך מיט אַלע אַנדערע מענשען, און איצט האָב איך קלאָהר געפֿיהלט ווי אַ וואַנד איז אויסגעוואַקסען צווישען מיר און דער גאַנצער וועלט.

אַלעס האָט מיט אַמאָל בעקומען אַנ'אַנדער געשטאַלט. די ברייטע, ליכטיגע פֿענסטער, די וואַרעמע זונן, דער לויטערער הימעל, די שענע בלום, — אַלעס איז פֿערוועלקט, בלייך געוואָרען. אַלעס האָט זיך איינגעוויקעלט ווי אין תכריכים; מענער, פֿרויען, קינדער, אַלע וועלכע האָבען זיך געשטופּט אַרום מיר, האָבען אויסגעזעהען ווי משונהדיגע גייסטער.

אונטען, ביים אַרויסגאַנג, האָט אויף מיר געוואַרט אַ שוואַרצער, שמוציגער וואָגען מיט פֿענסטער, געפֿלאָכטען מיט אייזערנע גראַטעס. אין דער מינוט וואָס איך האָב זיך אריינגעזעצט אין וואָגען האָב איך געוואָרפֿען אַ קוק אויף דער גאַס.

פֿעראורטיילט צום טויט! — האָבען געשריען די פֿערביי־געהער, לויפֿענדיג צום וואָגען. מיינע אויגען זיינען געוועזען פֿאַרנעבעלט און אַלעס איז געווען פֿאַרשטעלט פֿון מיר און דורך דיעזען נעבעל האָב איך באַמערקט די געזיכטער פֿון צוויי יונגע מיידלאַך, וועלכע האָבען זיך איינגעקוקט אין מיר.

— גאַנץ גוט! — האָט זיך אָנגערופֿען די יונגערע, פּאַטשענדיג מיט די הענד אַ צופֿריעדענע, — מיר, וועלען שוין האָבען וואָס צו זעהען אין זעכס וואָכען אַרום!

III.

פֿעראורטיילט צום טויט!

נו איז וואס? איך געדענק, איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ בוך: „אַלע מענשען זיינען פֿעראורטיילט צום טויט, ס'איז נאָר

אונבעשטימט ווען די לעצטע שעה וועט שלאָגען". וואָס זשע, אייגענטליך, האָט איצט פאַסירט מיט מיר?

פֿון דער מינוט, זייט מ'האָט מיך פֿעראורטיילט, זיינען שוין גענוג מענשען געשטאָרבען, וועלכע האָבען געהאָפֿט נאָך לעבן גאַנץ לאַנג! וויפֿיעל יונגע, פֿרייע, געזונדע האָב איך [illegible] איבערגעלעבט! און וויפֿיעל מענשען נאָך, וועלכע געהען [illegible] אַרום, אָטהעמען, לעבען אַ פֿריי לעבען וועלען נאָך שטאַרבען פֿאַר מיר.

איז נאָך אפֿשר איבערגעבליבען פֿאַר מיר אין לעבען אַ זאַך, וועלכע ס'זאָל מיר באַנג טהון איבערלאָזען? אַ פֿינסטערע טורמע, שוואַרץ ברויט, אַ פּאָרציאָן פֿעטען זופּ פֿונ'ם קעסעל, ווידלערייען פֿון די אויפֿזעהער און וועכטער, גראָבע בענעהמונגען צו וועלכע איך בין לחלוטין ניט געוועהנט, קיין געזעלשאַפֿט, קיין לעבעדיגען נפש פֿאַר וועלכער מ'זאָל קאָנען אויסריידען דאָס האַרץ, פּחד פֿאַר דער טהאַט וואָס איך בין בעגאַנגען און פּחד דערפֿאַר וואָס מ'וועט מיט מיר טהון, — אָט דאָס איז אַלעס וואָס דער תליון קאָן ביי מיר אַוועקרייבען.

און דאָך, — דער געדאַנק פֿונ'ם טויט איז שרעקליך!

IV.

אַ שוואַרצע קאַרעטע האָט מיך אַהער אין טורמע געבראַכט. פֿון דערווייטען זעהט אויס די געביידע פֿון טורמע גרויסאַרטיג, זי דערמאָהנט אַפֿילו אין אַנ'אַלטען קעניגליכען שלאָס. אָבער וואָס מעהר מ'קומט צו נעהענטער, זעהט עס אויס ווי אַ חורבה. די אָבגעפֿאַלענע שטיקער שניידען אין די אויגען, אָרעם און קלעגליך זעהט אַלעס אויס. די ווענט זיינען פֿול מיט לעכער, אין די פֿענסטער פֿעהלען ראַמען, קיינע שויבען זיינען ניטאָ און אויף זייער אָרט שטעהען אייזערנע, גראָבע גראַטעס, פֿון וועלכע עס

הימעל, די בוימער, די גאַנצע נאַטור, פרייהייט, לעבען — אַט, דאָס אַלעס איז שוין ניט פאַר מיר?

ניין, איך מוז געראַטעט ווערען! זיינען שוין באמת אַלע טויערען פון רעטונג געשלאָסען פאַר מיר? ס'קען ניט זיין, אַז איך מוז שטאַרבען מאָרגען, אָדער אפשר גאָר היינט.... אָה, גאָט! וואָס פאַר אַ מורא'דיגער געדאַנק!— ס'איז נאָר געבליבען פאַר מיר איין זאַך: צושפּאַלטען מיין מח אין די ווענט פון מיין געפענגעניס!

VIII.

. אַנו, לאָמיר נאָר באַרעכענען, וויפיעל ס'איז מיר נאָך איבערגעבליבען צו לעבען.

דריי טעג נאָכ'ן אורטייל האָב איך ציים צו אַפּעלירען.

אַ וואָך שלעפט זיך אַוועק ביז די דאָקומענטען ווערען צוגעשטעלט צום מיניסטער.

אַ צוויי וואָכען וואַלגערען זיי זיך ביים מיניסטער. פון דאָרט ווערען זיי אָפּגעשיקט אין אַפּעלאַציאָנס-געריכט.

דאָרט קוקט מען זיי דורך, זיי ווערען רעגיסטרירט און נומערירט, ווייל דער עשאַפאָט איז פשוט פאַרוואָרפען מיט אַרבייט און יערער דאַרף וואַרטען אויף זיין רייהע ביז ער עס קומט צו איהם.

צוויי וואָכען וואַרט מען אום זיך איבערצייגען, אַז קיין אונגערעכטיגקייט איז ניט בעגאַנגען געוואָרען.

ענדליך פערזאַמעלט זיך דאָס געריכט, געוועהנליך אום דאָנערשטאָג, דאָרט פטר'ט מען שנעל אָפּ אַ צוואַנציג פראָצעסען מיט איין מאָל און ס'ווערט צוריקגעשיקט צום מיניסטער. דער לעצטער שיקט עס אָפּ צום תליון. עס געהען אַוועק נאָך דריי טעג.

אויפ'ן פירטען טאָג באַשליסט דער געהילפס-פּראָקוראָר,

פֿאַררעכטענדיג קאַלטבלוטיג זיין האַלז־באַנד, אַז ס'איז שוין צייט צו מאַכען אַ סוף מיט דער געשיכטע. אויב ביי דעם סעקרעטאַר קומט ניט פֿאָר קיין פֿריהשטיק פֿאַר געסט, וואָס קען איהם שטערען פֿון צו ערפֿיהלען זיינע פֿפֿליכטען, דאַן ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער היגריכטונגס בעפֿעהל, מ'שרייבט איבער און מ'לייגט דערויף אַ חתימה. אויף מאָרגען פֿריה הערט זיך אַ קלאַפּעריי פֿון האַמערס אויפֿן פּלאַץ „דע גרעוו" און אויף אַלע גאַסען שרייען אויס די צייטונגס־פֿערקױפֿער די נייעס, ביז הייזעריג צו ווערען.

אַזוי, הייסט עס אין זעכס וואָכען אַרום! דאָס מיידעל האָט רעכט געהאַט. לויט דעם חשבון בין איך שוין דאָ אַ פֿינף וואָכען און אפֿשר די גאַנצע זעכס. איך האָב מורא אויסרעכענען ריכטיג און מיר דאַכט זיך אַז אין דריי טעג אַרום וועלען מיר האָבען דאָנערשטאָג.

IV.

כ'האָב אָנגעשריבען מיין צוואה.

אָבער צוליב וואָס פֿאַר אַ צוועק? מ'האָט צוגעמשפּט אַז איך זאָל צאָהלען אַלע געריכטס קאָסטען און מיין גאַנץ פֿאַרמעגען וועט קוים זיי קענען דעקען. אויך דער עשאַפֿאָט פֿאָדערט גרויסע הוצאות.

איך לאָז איבער אַ מוטער, אַ פֿרוי און אַ קינד, אַ דריי־יעהריג מיידעלע, אַ שטיל, איידעל קינד, ווי אַ בלום, מיט גרויסע, שוואַרצע אויגען און לאַנגע, העלע האָר.

זי איז אַלט געווען צוויי יאָהר מיט אַ מאָנאַט, ווען איך האָב זי געזעהען צום לעצטען מאָל.

נאָך מיין טויט בלייבען אַלזאָ דריי עלענדע פֿרויען: איינע פֿאַרליערט אַ זוהן, די צווייטע — דעם מאַן, די דריטע — איהר פֿאָטער; דריי יתומים. דריי קרבנות פֿון גערעכטיגקייט.

זאָל זיין אַז איך האָב מיין שטראָף פאַרדיענט. אָבער וואָס זיינען שולדיג דיעזע דריי אונגליקליכע?—נאָר ווענמען געהט עס אָן. מ'וואַרפט אויף זיי שמוץ, מ'רואינירט זיי — און דאָס הייסט יושר! איך רעד שוין ניט פון מיין אָרעמער אַלטער מוטער — זי איז אַלט פיער און זעכציג יאָהר און וועט געווים ניט אויסהאַלטען דעם קלאַפ. אויב זי וועט נאָך ציהען אַ שטיקעל צייט, איז איהר לעבען שוין אַלץ איינס קיין לעבען ניט. זי דאַרף שוין גאַנץ ווייניג אויף אָנשטופען דאָס לעבען — אַ שטיקעל ברויט און אַ וואַרעם ווינקעל, דאָס איז אַלעס.

איך זאָרג אויך ניט פאַר מיין פרוי; זי האָט אַ שוואַכען קערפער און קראַנקע נערווען, זי וועט אויך ניט לאַנג לעבען. סיידען זי וועט משוגע ווערען, מ'זאָגט אַז משוגעים לעבען גאַנץ לאַנג, אָבער דאַן וועט זי איהרע ליידען ניט פיהלען. דער שכל שלאָפט ביי אַ משוגענעם און די נשמה איז ווי טויט און מ'ווייסט גאָרניט פון קיינע שמערצען.

אָבער מיין טאָכטער, מיין אָרעם קינד, מיין קליינע מאַריע, וועלכע לעבט, לאַכט, שפּיעלט, זינגט אין איצטיגען מאָמענט און ווייסט ניט פון קיינע זאָרג. אָט איבער וועמען מיין האַרץ רייסט און וועהטאָגט!

X.

אָט ווי עס זעהט אויס מיין קערקער:

אַכט פוס קוואַדראַט די גרויס. רעכטס פון דער אַריינגאַנגס־טיר אַ מין ראַמקע איינגעמויערט אין דער וואַנט, אויף וועלכער ס'וואַלגערט זיך אַ ביסעל שטרוי. זיי גלויבען אַז ס'איז גאַנץ גענוג פאַר אַנ'אַרעסטאַנט צו אָפּרוהען און שלאָפען דערויף אָנגעטהון סאי זומער, סאי ווינטער אין די זעלבע לייווענטענע הויזען און אַ לייכט רעקעל.

איבער מיין קאָפּ הענגט אַן׳אומעדיגער באַלקען פֿון וועלכען ס׳הענגט אַראָפּ שפּינוועבס און שמוץ.

דערצו נאָך איז קיין פֿענסטער ניטאָ, אַפֿילו קיין ברעקעל לופֿט קאָן אַהער ניט אַריינקומען. די טיר איז געפּאַקט אין אייזען.

אייגענטליך איז עס ניט ריכטיג, אויבען אויף דער טיר געפֿינט זיך אַ קליין פֿענסטערעל מיט אייזערנע גראַטעס, וועלכע ווערט פֿאַרשלאָסען ביינאַכט פֿונ׳ם וועכטער.

מיין קערקער געפֿינט זיך אין אַ לאַנגען קאַרידאָר בעלויכטען און דורכגעלופֿטערט דורך די לופֿט־לעכער וואָס אין די ווענט. דיעזער קאָרידאָר האָט עטליכע אבטיילונגען, איינער פֿון צווייטען איז אָבגעצאַמט מיט אַ שטיינערנע וואַנט און זיי ווערען פֿאַראייניגט דורך נידעריגע טירלעך, וואָס פֿיהרען פֿון איין אבטיילונג צו דער צווייטער. יעדע אבטיילונג איז ווי אַ פֿאָדער־צימער צו איין קערקער, ווי מיינער. אין די קערקערס האַלט מען די אַרעסטאַנטען, וואָס היטען ניט אָפּ די דיסציפּלין. אין די דריי ערשטע זיצען די יעניגע וועלכע זיינען פֿעראורטיילט געוואָרען צום טויט.

דיעזע קערקערס זיינען די איינציגע, וואָס זיינען איבערגעבליבען פֿונ׳ם אַלטען שלאָס „ביסטער.“ ער איז געבויעט געוואָרען אינ׳ם פֿינפֿצעהנטען יאָהרהונדערט פֿונ׳ם קאַרדינאַל ווינטשעסטער, וועלכער האָט פֿאַרברענט דזשאָן־דע ארק. דאָס האָב איך מיך דערוואוסט פֿון די נייגעריגע, וואָס זיינען געקומען מיך אָנקוקען און בעטראַכטען, ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג, דער אויפֿזעהער האָט דערפֿאַר בעקומען הונדערט סו.

איך האָב פֿאַרגעסען צו באַמערקען, אַז טאָג און נאַכט שטעהט אַ וועכטער ביי דער טיר פֿון מיין קערקער און ווען איך הויב אויף די אויגען צום פֿענסטערל אין טיר, באַגעגען איך זיין קוק, וועלכען ער נעמט ניט אַראָפּ פֿון מיר אויף אַ רגע.

זיי זיינען איבערציינגט אַז אָט אין דעם שטיינערנעם שטייג איז פֿאַרהאַן גענוג ליכט און לופֿט.

טערס גאַרטלען, געשרייען פֿון איין עק קאָרידאָר צום צווייטען, אַ קלאַפּעריי פֿון שנעלע טריט איבער די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ.

מיינע שכנים, די אַרעסטאַנטען, וועלכע זיינען פֿרמשפּט צו קאַטאָרגע, האָבען אויסגעזעהען פֿרייליכער ווי שטענדיג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער „ביסעטר" לאַכט, זינגט, לויפֿט און טאַנצט.

נאָר איך איינער בין געזעסען שטום און האָב זיך אַנ'אָנגע־שטריינגטער צוגעהערט צו אַלעס, וואָס קומט פֿאָר אַרום מיר.

אַ וועכטער איז פֿערביי געגאַנגען מיין קערקער.

איך האָב איהם אַ רוף געטהון און געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ שמחה איז דאָ היינט?

— יאָ, אַ שמחה, ווי דו רופֿסט עס, — האָט ער געענטפֿערט, היינט שליסט מען אין קייטען די אַרעסטאַנטען און מאָר־גען שיקט מען זיי אַוועק אין טולאָן. אפֿשר ווילסטו עס זעהען? ס'איז גאַנץ אינטערעסאַנט.

דער וועכטער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען אום אויפֿצופאַ־סען אויף מיר און האָט מיך איבערגעפֿיהרט אין אַ קליינעם, פּוסטען קאַמער, וועלכער האָט געהאַט אַ פֿענסטער. דאָס פֿענס־טער איז אַפֿילו געוועזען מיט גראַטעס, אָבער דאָך אַ ריכטיג פֿענס־טער, דורך וועלכען מ'האָט געקענט זעהען הימעל און זון.

— פֿון דאַנעט — האָט זיך דער וועכטער אָנגערופֿען — קענסטו אַלעס זעהען און הערען. דו וועסט דאָ אַליין זיצען אין לאָזשע, ווי אַ קעניג.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט פֿערריגעלט און פֿער־שלאָסען די טיר.

דאָס פֿענסטער האָט אַרויסגעקוקט אין אַ היבשען, פֿיער־עקיגען הויף. פֿון אַלע זייטען איז דער הויף געוועזען אַרומגע־רינגעלט מיט דער זעקס שטאָקיגער טורמע געביידע. מ'קען זיך קוים פֿאָרשטעלען אויף וויפֿיעל עס זיינען אבשטויסענד און שטימונגסדריקענד אָט די פֿיער ווענט, דורכגעלעכערט מיט אַ סך פֿענסטער, בעפֿלאָכטען מיט גראַטעס, אין וועלכע עס

האָבען זיך ווי איינגעגעסען, פֿון אויבען ביז אַראָפּ, מאָגערע, בלייכע פּנימער, צוגערוקט איינער צום צווייטען ווי שטיינער אין אַ וואַנט. זיי זעהען אויס גלייך ווי איינגעראַמטע אין די קעסטלאַך פֿון די גראַטעס. דאָס זיינען אַרעסטאַנטען, וועלכע קוקען אויף דער שרעקליכער סצענע פֿון שליסען אין קייטען. אין גיכען וועלען זיי אַליין פֿון צושויערס ווערען שוישפּילער און וועלען אַליין דורכמאַכען אַלעס וואָס זייערע חברים מאַכען איצט דורך. זיי קוקען זיך צו, צו די יסורים פֿון גיהנום, אין וועלכען זיי אַליין וועלען זיך באַלד מאַטערען.

שווייגענדיג האָבען זיי אַלע געקוקט אויפֿן הויף, וועלכער איז נאָך דערווייל געווען פּוסט. צווישען טומפּע, לעבענסלאָזע פּנימער, האָב איך נאָר זעלטען באַגעגענט פֿייערדיגע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהען ווי הייסע פֿונקען.

די טורמע געביידע וואָס רינגעלט אַרום דעם הויף, האָט דאָך איהם ניט אויסגעשלאָסען אינגאַנצען פֿון דער אויסערער וועלט. די מזרח־געביידע איז געווען צוטיילט אויף צווייען און די צוויי טיילען האָבען זיך פֿעראייניגט דורך אַנ'אייזערנער טיר. דיעזע טיר האָט געפֿיהרט אין אַ צווייטען הויף, אַביסעל אַ קלענערען, וועלכער האָט אויך אויסגעזעהען, ווי דער ערשטער הויף.

אין סאַמע מיטען פֿונ'ם הויפּט־הויף איז געשטאַנען אַנ־אייזערנער סלופּ, אפֿנים כדי אויפֿצוהענגען אויף איהם ביינאַכט אַ לאַנטערען און אַרום די הויפּט וואַנט זיינען אויסגעשטעלט געווען שטיינערנע בענק.

עס האָט געשלאָגען צוועלף אַזייגער. פּלוצלינג האָט זיך געעפֿענט אַ ברייטע טיר אין אַ פֿערטיעפֿונג פֿון דער געביידע און מיט אַ רעש איז אַריינגעפֿאָהרען אין הויף אַנ־ארעסטאנטסקער וואָגען אויף וועלכען עס האָבען זיך געפֿונען די קייטען, דעם וואָגען האָבען באַגלייט סאָלדאָטען שמוציגע אונגעלומפּערטע, אין בלויע יוניפֿאָרמס, מיט רויטע עפּאָלעטען און געלע גאַרטלען.

איינער פֿון זיי איז אַרויף אויפֿן וואָגן און האָט אָנגעהויבען אַראָפּוואַרפֿען צו זיינע חברים די קייטען, האַלזבענדער און לייווענטענע הויזען. דערנאָך האָבען זיי איינגעטהיילט צווישען זיך די אַרבייט: איינינע האָבען גענומען די קייטען, זיינען אַוועק אין אַ זייט און גענומען אויסלייגען זיי. אַנדערע האָבען אויסגעלייגט די הויזען און די העמדער אין אַ סדר, וועהרענד די מעהר געניטע, האָבען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַנ׳אָפֿיציר, עקזאַמינירט די אייזערנע האַלזבענדער, געפּרובט אויב זיי זיינען שטאַרק, קלאַפּענדיג מיט זיי אין די שטיינער, אַז פֿונקען זיינען אַזש געפֿלויגען. דאָס קלאַפּעריי האָבען בעגלייט פֿרעהליכע געשרייען און געלעכטער פֿון די אַרעסטאַנטען, צוליב וועלכע מ׳האָט געמאַכט אָט די פֿאָרבערייטונגען.

ווען די אַלע הכנות זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט אַ מאַן, געקליידעט אין אוניפֿאָרם אַרומגעשטיקט מיט גאָלד, וועלכען מ׳האָט גערופֿען „הערר אינספּעקטאָר", געגעבען אַ בעפֿעהל צום אויפֿזעהער פֿון געפֿעננגים און אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך מיט אַמאָל געעפֿענט אַ צוויי דריי נידריגע טירען, וועלכע האָבען ווי אויסגעשאָטען פֿון זיך אַ מחנה שרייענדע, אויסגעמאַטערטע, אָבגעריסענע נפשות. דאָס זיינען געוועזען די פֿערשיקטע.

ווען זיי האָבען זיך בעוויזען, זיינען די צושויער לעבעדיגער געוואָרען. איינינע פֿון די פֿערברעכער, וואָס האָבען בעקומען אַ נאָמען דורך זייערע טהאַטען, זיינען בעגריסט געוואָרען מיט אַפּלאָדיסמענטען, וועלכע זיי האָבען אָנגענומען מיט אַ צניעות׳דיגען שטאָלץ. מאַנכע פֿון זיי האָבען געטראָגען היטלען, וועלכע זיי האָבען אַליין אויסגעפֿלאָכטען פֿון שטרוי. די פֿאַסאָנען האָבען אויסגעזעהען משונה׳דיג און האָבען זיך געוואָרפֿען אין די אויגען: אָט די לעצטע האָט מען נאָך מעהר אַפּלאָדירט.

אָבער מעהר פֿון אַלעמען האָט אַרויסגערופֿען בײם עולם ענטהוזיאַזם אַ יונגער אַרעסטאַנט פֿון אַ יאָהר זיעבצעהן, מיט אַ מיידעלשען געזיכט. דעם חברה׳מאַן האָט מען געבראַכט אַהער פֿון קאַרצער, וואו ער איז אָבגעזעסען אַכט טעג. פֿונ׳ם בינדעל שטרוי׳

וואָס ער האָט בעקומען אַלס געלעגער, האָט ער זיך געמאַכט א גאַנצען אַנצוג. אין הויף איז ער ניט אַריין ווי מענשען געהען, נאר ער האָט זיך אַריינגעקייקעלט מיט דער געשיקטקייט פֿון אַ שלאַנג. ער איז געווען אַ באַלאגאַן קאָמעדיאַנט, וועלכען מ'האָט פֿער'משפט פֿאַר אַ גנבה. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם פֿון אַפּלאָדיסמענטען און אַ פֿרעהליכער טומעל צווישען די צושויער און באַלד אויך צווישען די אַרעסטאַנטען. ס'איז געווען עטוואס שרעק־ליכעס אין די בעגריסונגען צווישען די אַרעסטאַנטען און די יעניגע, וועלכע זיינען ערשט קאַנדידאַטען צו ווערען אַרעסטאַנטען. ווי עס שיינט האָבען די וועכטער זיך אויך גאַנץ גוט געפֿיהלט אויף דעם פּלאַץ, חאָטש די אַרעסטאַנטען האָבען זיך פֿון זיי אויסגעלאַכט און געמאַכט פֿון דיזער שוידערליכער פּראָצעדור אַ מין פֿאַמיליען יום טוב.

באַלד ווי די אַרעסטאַנטען זיינען אנגעקומען, האָט מען זיי אַריינגעטריבען דורך די רייהען פֿון סאָלדאַטען אינ'ם קלענערען הויף, וואו אַ דאָקטאָר האָט זיי עקזאַמינירט. דערביי האָבען זיי אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כחות אויסצומיידען קאַטאָרגע און האָבען געפֿונען פֿערשיעדענע תירוצים און זיך געקלאָגט אויפ'ן שוואַכען געזונד. איינער האָט כלומרשט געליטען אויף די אויגען, אַ צווייטער אויף די פֿיס, הענד א. ז. וו. אָבער כמעט אַלע זיינען געווען געזונד גענוג פֿאַר שווערער ארבייט און תיכף האָבען זיי זיך אונטערגעוואָרפֿען זייער שיקזאַל, פֿערגעסענדיג אַז ערשט מיט אַ מינוט פֿריהער האָבען זיי זיך בעקלאָגט אַז זיי זיינען טויט קראַנק׳

איינער פֿון די וועכטער האָט אנגעהויבען אויסרופֿען די אַרעסטאַנטען נאָכ'ן אלף־בית. זיי זיינען אַרויס פֿונ'ם קליינעם הויף איינער נאַכ'ן אַנדערען און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייהע אין אַ זייט פֿונ'ם גרויסען הויף. יעדער אַרעסטאַנט האָט זיך געמוזט אַוועקשטעלען נעבען אַ צווייטען, וועמענס ערשטער בוכשטאַב איז גלייך מיט זיינעם. אויף אַזאַ אופֿן האָט יעדער בעדאַרפֿט שלעפֿען אויף זיך זיין חלק קייט ביי דער זייט פֿון אַ פֿרעמדען. אויב איינער האָט געהאַט א פֿריינד האָט זיי די קייט

צושיידט. אפילו די איינציגע נחמה צו האָבען אַ פריינד האָט מען ביי זיי אַוועקגערויבט.

נאָכדעם ווי דרייסיג אַרעסטאַנטען זיינען אַרויסגעקומען, האָט אַ וועכטער געבראַכט די רייהע אין אָרדנונג, שלאָגענדיג מיט אַ שטעקען. מ'האָט צוגעוואָרפען יעדען פון זיי אַ העמד, אַ רעקעל און אַ פאָר גראָבע לייווענטענע הויזען, דאַן האָט מען געגעבען אַ צייכען און אַלע האָבען גענומען אַראָבציהען זייערע קליידער. איין אונפאָראויסגעזעהענע סבה האָט זיך גראַדע געמאַכט און פון דער פראָצעדור, וואָס זי איז גענוג געמיין מיט איהרע ערנידערונגען, איז געוואָרען אַ ווירקליכער גיהנם.

ביז דעם מאָמענט איז דער וועטער געווען גאַנץ פיין, חאָטש די אָקטאָבער לופט איז געווען קיהל, האָט דערפאַר דער ווינט צוטריבען די גרויע וואָלקענס און די זון האָט צייטענווייז אַרויסגע־שיינט. גראַדע אין דעם מאָמענט וואָס די אַרעסטאַנטען האָבען אויסגעטהון די געפענגנים שמאַטעס און זיינען געבליבען גאַנץ נאַקעט, אום צו ווערען אונטערזוכט און בעטראכט פון די וועכטער און אויפזעהער, וועלכע האָבען זיי בעקוקט פון אַלע זייטען, איז דער הימעל פלוצים פינסטער געוואָרען און עס האָט אנגעהויבען גיסען א קאַלטער, שטאַרקער הערבסט רעגען. דער רעגען האָט פערפלייצט דעם הויף און האָט אָהן רחמנות געגאָסען אויף די הוילע קעפ און נאַקעטע איברים, ווי אויך אויפ'ן ביסעל אָרימקייט, וואָס איז געלעגען דערביי אויף דר'ערד.

אין איין אויגענבליק איז דער הויף פוסט געוואָרען פון די פאַריזער געסט. עס זיינען געבליבען נאר די וועכטער מיט די טעירגטסאַנן.

דער רעגען האָט געגאָסען ווי פון אַנ'עמער. אין הויף האָט מען שוין קיינעם ניט געזעהען אויסער די נאַקעטע אַרעסטאַנטען. דאָס וואַסער האָט פון זיי געריגען טייכענווייז. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט נאָכ'ן פריהערדיגען טומעל. זיי האָבען געציטערט און אַ צאָהן האָט געקלאַפט אין אַ צאָהן, די מאָגערע פיס האָבען זיך ט'אַעעיסרלט ס'איז געווען אַ רחמנות צוזעהן ווי די נאַסע העמד

און הויזען האָט זיך געקלעפּט צום נאַקעטען, בלויען קערפּער, ווען זיי האָבען זיך גענומען אנטהון. ס'וואָלט שוין גלייבער געווען פאַר זיי צו בלייבען נאַקעט.

בלויז איין אַלטער אַרעסטאַנט האָט ניט פערלוירען זיין גוטע־שטימונג. ער האָט געשריען, אבווישענדיג זיך מיט זיין נאַסער העמד, אַז דאָס איז שוין ווייטער דער טראָגראַם. ער האָט זיך צעלאַכט און האָט אויפגעהויבען אַ פויסט צום הימעל.

ווען די אַרעסטאַנטען זיינען שוין געווען אין זייערע ווייסע קליידער, האָט מען זיי גרופּענווייז, פון צוואַנציג ביז דרייסיג מאַן מיט אמאָל, אַוועקגעפיהרט אין אַ צווייטען ווינקעל פון הויף, וואו עס זיינען געווען אויסגעצויגען לאַנגע, שטאַרקע קייטען. אויף יעדע צוויי איז געווען צוגעשטעלט צו דער גרויסער קייט אַ קליינע קייט מיט אַן אייזערנעם האַלזבאַנד. דאָס הייסט אנגעטהון אויפ'ן האַלז פון אַ פערשיקטען אויף דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז אין וועג.

אויסגעצויגען אויף דער ערד האָבען די קייטען אויסגעזעהן ווי אַ הונט־השדרה פון אַ פיש.

די אַרעסטאַנטען האָט מען געצוואונגען זיך אוועקזעצען אויף דער בלאָטיגער ערד און מ'האָט זיי אנגעמאָסטען די האַלזבענדער. דאַן האָבען צוויי שמידען, באַוואַפנט מיט שמיעד־קלעצער, צוגעפּאַסט די האַלזבענדער, אראָבלאָזענדיג שווערע קלעפּ מיט אַן אייזערנעם האַמער, דער מאָמענט איז געווען אַ שרעקליכער. אפילו די מוטהיגסטע אַרעסטאַנטען זיינען בלייך געוואָרען. פון יעדען קלאַפּ מיט'ן האַמער אויפ'ן שמיעד־קלאָץ, וואָס איז געווען צוגעשטעלט צום אַרעסטאַנטס פּלייצעס, האָט זיך דער קאָפּ גע־טרייסעלט. איין קלאַפּ ניט קיין ריכטיגער און דער קאָפּ ווערט צושפּאָלטען ווי אַ נוס.

נאָך דער אָפּעראַציע איז אַ טריבער אנגעפאַל'ען אויף אַלעמען. מ'האָט גאָרניט געהערט אויסער דאָס קלינגען פון די קייטען, אַ געשריי אָדער אַ קלאַפּ פון אַ וועכטער שטעקען איבער דעם רוקען פון אַ פערשולדיגטען אַרעסטאַנט. מאַנכע האָבען געוויינט. די

עלטערע האָבען געציטערט און פֿערביסען די ליפּען. איך האָב געקוקט מיט אַ שוידער אויף די צושראָקענע, בלייכע פּנים'ער.

אַזוי הייסט עס. צוערשט עקזאַמינירען די דאָקטוירים, נאָך זיי — די וועכטער און עס ענדיגט זיך מיט'ן שמידען אין קייטען. א גאַנצע דראמא אין דריי אַקטען.

ווידער האָט זיך בעוויזען די זון און אַלעס האָט אויף דאָס ניי אויפֿגעלעבט. די אַרעסטאַנטען האָבען זיך מיט אַמאָל אויפֿגעהויבען. די פֿינף בעזונדערע קייטען האָבען זיך פֿעראייניגט אין אַ רינג ארום דעם לאַנטערן. זיי האָבען זיך שנעל אנגעהויבען דרע־הען און זינגען ליעדער אויף זייער ווילדער שפּראַך, אָט האָט דאָס ליעד געקלינגען טרויריג, פֿול מיט יאוש און תיכף איז עס פֿער־וואַנדעלט געוואָרען אין אַ לעבעדיגען און פֿרעהליכען געזאַנג.. די ליעדער זיינען בעגלייט געוואָרען מיט ווילדע קווימשערייען, שטורמדיגען געלעכטער, קראַנקהאַפֿטע געשרייען און אונדייטליכע ווערטער. דער קלאַנג פֿון די קייטען האָט אַקאָמפּאַנירט דעם ווילדען כאָהר. ווען איינער זאָל דאַרפֿען שילדערן אַ יום טוב פֿון מכשפות, וואָלט ער קיין בעסער בילד ניט בעדאַרפֿט פֿאַרשטעלען.

מ'האָט אין הויף אַריינגעבראַכט אַ גרויס קעסעל. די וועכ־טער האָבען מפסיק געווען דעם טאַנץ, שלאָגענדיג די אַרעסטאַנטען מיט זייערע שטעקענס און זיי צוגעפֿיהרט צום קעסעל אין וועלכען עס האָבען געשווימען געוויקסע אין אַ מוטנער פֿעטער זופּ. דער עולם האָט גענומען עסען.

נאָך דער סעודה האָבען זיי אַוועקגעוואָרפֿען זייערע שיריים און ווידער אנגעהויבען טאַנצען און זינגען. ווי עס שיינט איז אַ מנהג אין טורמע אַז די אַרעסטאַנטען קענען אין דעם טאָג זיך האַלטען אַביסעל פֿרייער ווי שטענדיג.

מיט אַ שטאַרקען אינטערעס האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער ווילדער סצענע ביז איך האָב פֿאַרגעסען אין מיין ביטערען גורל. אַ געפֿיהל פֿון רחמנות האָט זיך דערוועקט אין מיר און זייער גע־לעכטער האָט ביי מיר אַרויסגערופֿען טרעהרען.

מיינע געדאַנקען זיינען פּלוצים איבערגעריסען געוואָרען דורך

דער טויטער שטילקייט וואָס האָט מיט אַמאָל אנגעהויבען הערשען. די ליעדער און טענץ האָבען אויפגעהערט, איך האָב דערזעהען ווי אַלע אויגען זיינען געווענדעט צו מיין פענסטער.

„דער פעראורטהיילטער!" „דער פעראורטהיילטער!" —האָבען אַלע געשריען, צייגענדיג אויף מיר מיט די פינגער און זייער שמחה איז נאָך גרעסער געוואָרען.

איך בין פערציטערט געוואָרען.

פון וואַנען קענען זיי מיך ווי אַזוי האָבען זיי זיך דערוואוסט וועגען מיר?

— גוט אבענד! —האָבען זיי געשריען און געלאַכט מיט זייער ווילדען געלעכטער. איינער פון זיי, דער יונגסטער, וועלכער איז פער'משפט געוואָרען אויף אייביגער קאַטאָרגע, מיט אַ טויט בלאַס פנים, האָט מיך אנגעקוקט און מיט קנאה זיך אנגערופען.

— „אַט אַ מזל'דיגער! מ'וועט איהם אָבהאַקען און אַ סוף! אַדיע חבר!

איך קען ניט בעשרייבען וואָס ס'איז אין מיר פאָרגעקומע אין דעם מאָמענט. איך בין דאָך ווירקליך זייער חבר. איי־גענטליך בין איך נאָך נידריגער פון זיי און זיי פערשאַפען מיר כבוד ווען זיי רעכענען מיך פאַר אַ חבר. איך האָב געציטערט. יאָ, אַ חבר! אין אַ פּאר טעג אַרום וואָלט איך זיי פערשאַפט אַ פערגניגען.

איך בין געבליבען שטעהן ביים פענסטער ווי פּאַראַליזירט, נאר ווען איך האָב דערזעהען ווי אַלע פינף קייטען האָבען זיך אַ לאָז געטהון צו מיר מיט געשרייען און טייפעלשען געלעכטער, ווען איך האָב דערהערט האָס קלונגען, געשרייען און קלאַפען אונטער מיין פענסטער, האָב איך געפיהלט ווי מחנות שדים וואָלטען מיך בעלאַגערט. אַ געשריי האָט זיך ביי מיר ארויס־געריסען און איך האָב זיך אַ וואָרף געטהון צו דער טיר. די טיר איז אָבער געווען פערשפּאַרט פון דער צווייטער זייט און ס'איז פאַר מיר ניט געבליבען קיין אויסוועג. איך האָב

אנגעהויבען קלאַפּען, רופֿען צו הילף. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך הער די שרעקליכע קולות גאַנץ נאָהענט, זעה זייערע קעפּ אין מיין פֿענסטער. איך האָב ווידער אַרויסגעלאָזט אַ שמערצליכען געשריי און בין געפֿאַלען בעוואוסטלאָז.

XIV.

ווען איך בין צו זיך געקומען, איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט. איך בין געלעגען אויף אַ בעטעל. ביים שיין פֿון אַ הענג־לאָמפּ האָב איך דערזעהען צוויי שורות בעטען. איך האָב פֿערשטאַנען אַז מען האָט מיך איבערגעפֿיהרט אין האָספּיטאַל.

אַ צייט בין איך געלעגען אהן אַ שום זכרון, מיין מח האָט גערוהט. בלויז איין גליקליכער געפֿיהל האָט זיך צוגאָסען אין מיין קערפּער, וואָס איך ליג אין אַ בעט. אין אַמאָליגע צייטען וואָלט אָט דאָס אַרעסטאַנטען בעטעל אין מיר דערוועקט איין עקעל און פֿערדרוס, אָבער איצט בין איך דאָך שוין גאָר אַנ׳אַנדער מענש. די ליילעכער זיינען געווען וויים־גרוי, די קאָלדרע איז געווען אויסגעריבען און אויסגענוצט, די האָר פֿון׳ם מאַטראַץ האָבען זיך געלאָזט פֿיהלען, אָבער וואָס מאַכט עס אויס? אַבי איך קען מיר פֿריי אויסציהען און אויסגלייכען מיינע ביינער. איך האָב שוין מעהר ניט געפֿיהלט די ביטערע קעלט וואָס האָט זיך אין דער לעצטער צייט איינגעגעסען אין מיינע ביינער.

איך האָב איינגעשלאָפֿען.

פֿאַרטאָג האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ טומעל. דער טומעל האָט זיך געהערט פֿון דרויסען. מיין בעטעל איז געשטאַנען גראַדע ביים פֿענסטער און איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט דערויף צו זעהן וואָס ס׳קומט דאָרט פֿאָר.

דאָס פֿענסטער האָט אַרויסגעקוקט אין אַ גרויסען הויף. ער איז איצט געווען פֿול מיט עולם. צוויי רייהען סאלדאָטען האָבען מיט גרויסע שוועריגקייטען געמאַכט אַ שמאָלען וועג צווישען דער געדיכטער מאַסע מענשען אום דורכצולאָזען די וואָגענס וואָס האָבען זיך געשלעפּט אנגעלאָדענע מיט מענשען

דאָס האָבען זיך די פערשיקטע אַרעסטאַנטען געלאָזט אין וועג.

די וואַגענס זיינען געווען אָפענע. יעדער וואָגען האָט בעגלייט אַ סאָלדאַט מיט אַנ'אנגעלאָדענעם ביקס.

ס'האָט זיך געהערט אַ קלאַנג פון קייטען. ביי יעדער טרייסעל פון אַ וואָגען האָבען זיך מיטגעטרייסעלט די קעפ פון די אַרעסטאַנטען און די אַראבהענגענדע פיס האָבען זיך געשאָקעלט.

אַ דריבנער, דורכדרינגענדער רעגען האָט געקיהלט די לופט. די לייווענטענע הויזען האָבען זיך געקלעפּט צו די פיס פון די אַרעסטאַנטען און האָבען דערפון בעקומען אַ טונקעלע פאַרב. פון די לאַנגע בערד און געגאָלטע קעפ האָט דאָס וואַסער אראבגערונען, די פנים'ער זיינען בלוי געוואָרען, די ציינער האָבען געקלאַפּט פון קעלט און פערדרוס. זיי האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו ריהרען זיך אפילו. צוגעשמידט צו דער קייט, איז דער מענש ניט מעהר ווי אַ טהייל פון'ם שרעקליכען גאַנצען, וואָס רופט זיך סקאַרדאָן און וועלכער בעוועגט זיך ווי איין מענש. דער ווילען פון יעדען איינציגען האָט גאָר קיין ממשות ניט. דער אייזערנער האַלז־באַנד רויבט ביי איהם אַלעס אַוועק. אפילו זיינע פיזישע בעדירפניסע ווערען בעפרידיגט אין אַ בעשטימטער צייט ניט פון איהם נאר פון אנדערע.

זיצענדיג אזוי בעוועגלאָז, האַלב נאַקעט, מיט בלויזע קעפ און אַראָבהענגענדע פיס, האָבען זיי אנגעהויבען זייער פינף און צוואַנציג טעגיגע רייזע, ענג צוזאַמענגעפּאַקט מיט דיזעלבע קליידער אונטער די ברענענדע שטראַהלען פון אַ זומער טאָג, ווי אונטער די קאַלטע הערבסט רעגענס. ס'זעהט אויס ווי אויך די נאַטור ווערט געצוואונגען פון מענשען אַנטהייל צו נעמען אין זייערע תליון'ישע פפליכטען.

צווישען דער מאַסע פון צושויער און די אַרעסטאַנטען האָט זיך אנגעהויבען אַ בייזער וכוח. בעליידיגונגען און זידלערייי פון איין זייט און סטראַשונקעס מיט קללות פון דער צווייטער. דורך אַ צייכען, געמאַכט פון'ם עלטסטען, האָבען

זיך אנגעהויבען שיטען קלעפּ אויף די פּלייצעס און זייטען פֿון די פֿערשיקטע און נאכדעם האָט אנגעהויבען הערשען אַ שטילקייט וואס טראָגט דעם נאמען א ר ד נ ו נ ג. די אויגען אבער האָבען געברענט מיט כעס און דורשט פֿאַר נקמה און די מאַכטלאָזע פֿויסטען האָבען זיך פֿון זיך אליין צוזאַמענגעדריקט.

די פֿינף וואָגענס, בעגלייט פֿון רייטענדע זשאַנדאַרמען און פֿוסגעהענדע סאָלדאַטען, זיינען פֿערשוואונדען געוואָרען איינער נאך דעם אַנדערן דורך די הויכע טויערן פֿון „ביסעטר". אַ זעקסטער וואָגען פֿול מיט קיך געשיר און אייזערנע קייטען האָט נאָכגעפֿאָלגט. אַ פּאר וועכטער וועלכע האָבען זיך פֿערשפּעטיגט האָבען זיך געלאָזט לויפֿען אנצויאגען די וואָגענס. דער עולם איז זיך צוגאנגען. די סצענע איז פֿערשוואונדען געווארען ווי א חלום.

ביסלעכווייז האָט אנגעהויבען שטילער ווערען דער רעש פֿון די רעדער, דאָס קלאַפּען פֿון די פֿערד אויף די שטיינער דאָס קנאַלען פֿון בייטשען, דער קלאַנג פֿון די קייטען און דער טומעל פֿון'ם עולם וואס האָט בעגלייט די פֿערשיקטע.

דאָס איז בלויז אנ'אָנהויב פֿאַר זיי!

מיין פֿערטיידיגער האָט געוואָלט פֿאַר מיר קאטאָרגע! קאַטאָרגע? אה, בעסער דער טויט! טויזענד מאָל בעסער דער עשאַפֿאָט איידער קאַטאָרגע! בעסער פֿערניכטונג איידער גיהנם. בעסער אויסציהען דעם האַלז צום מעסער, איידער אנטהון אויף איהם דעם האַלז־באַנד פֿון אנ'ארעסטאַנט! קאַטאָרגע! גאָט, ווי שרעקליך!

XV.

צו מיין בעדויערן בין איך קראַנק ניט געווען. אויף מאָרגען האָב איך געמוזט פֿערלאָזען דאָס האָספּיטאַל און זיך אומקעהרען אין מיין קערקער.

יא, איך בין ניט קראַנק! איך בין יונג, געזונד און שטאַרק. דאָס בלוט פֿליעסט גאַנץ נאָרמאַל אין מיינע אָדערן. מיינע אברים פֿאָלגען מיך. איך בין געזונד קערפּערליך און

גייסטליך, בין פעסט געבויט פאַר אַ גאַנץ לאַנג לעבען. יאָ, דאָס אַלעס איז אמת,, און דאָך האָב איך אַ קראַנקהייט, איין אונהיילבאַרע קראַנקהייט פערשאַפט פון מענשען.

זייט איך האָב פערלאָזען דעם האָספּיטאַל פרעסט מיין מח אַ שרעקליכער געדאַנק, אַ געדאַנק וועלכער איז אימשטאַנד מיך משוגע מאַכען. מיר דוכט זיך, אַז איך וואָלט געקענט אנטלויפען פון האָספּיטאַל, אויב זיי וואָלטען מיך מעהר צייט געהאַלטען דאָרטען. די דאָקטוירים און שוועסטער האָבען געהאַט מיטלייד מיט מיר. ס'איז דאָך אַ דומהייט שטאַרבען אַזוי יונג און פון אַזאַ טויט! זיי האָבען שטאַרק רחמנות געהאַט אויף מיר און זיך אינטערעסירט מיט מיין גורל. אָדער אפשר איז דאָס געוועזען בלויז נייגעריגקייט? וואָס האָבען זיי איבערהויפט געקענט טהון פאַר מיר? זיי זיינען נאָר פעהיג אויסקורירען אַ פיבער, אָבער ניט רעטען פון טויט שטראָף און דאָך ווי לייכט זיי וואָלטען געקענט מיך רעטען. נאָר לאָזען אפען אַ טיר און פאַרטיג.

פערלאָרען איז יעדע האָפנונג: מיין אַפּיעל וועט ענטזאַגט ווערען. אַלעס איז פאָרגעקומען גאַנץ ריכטיג. די עדות האָבען געזאָגט דעם אמת, דער פראָקוראָר האָט בעשולדיגט לויט דעם געזעץ, די ריכטער האָבען גע'משפט גאַנץ אונפּאַרטייאיש

און אפשר... ווייס איך וואָס! ניטא קיין האָפנונג! איין אַפּיעל איז בלויז אַ שטריק וועלכער הענגט איבער אַ תהום ס'ציהט זיך, ציהט זיך ביז ס'רייסט זיך איבער! דאָס מעסער פון דער גילאָטינע וועט דאָך פאַלען!

אָבער טאָמער וועט מען בעגנאַדיגען? בעגנאַדיגען! ווער? צוליעב וואָס? ניין, מיך וועט מען נישט בעגנאַדיגען. וכל העם יראו — דאָס דאַרף דיענען פאַר אַ ביישפּיעל פאַר אנדערע, ווי זיי זאָגען דאָרט!

פאַר מיר בלייבט נאָך דריי טריט צו מאַכען: ביסעטר, וואכט־הויז און פּלאַץ „דע גרעוו".

XVI.

אין איינע פֿון די געצעהלטע שטונדען וואָס איך האָב פֿערבראכט אין האָספיטאל, בין איך געזעסעןביים פֿענסטער און זיך געוואַרעמט אקעגען דער זון, וואָס האָט ארויסגעקוקט דורך די וואָלקענס.

איך בין געזעסען אונטערגעשפּאַרט די פֿים אויפֿ'ן בענקעל. דער מיעדער קאָפּ איז געלעגען אויף די הענד, וועלכע זיינען געווען צוגעדריקט צו מיינע קניען, מיין נידערשלאָגענקייט האָט מיך געבראַכט דערצו אז איך זאָל זיך קאָרטשען און בויגען, גלייך ווי מיין קערפּער איז אהן ביינער, אהן מוסקולען.

דער שווערער ריח האָט מיך געשטיקט מעהר ווי אַלע מאָל. אין די אויערען האָבען נאָך אַלץ געקלונגען די קייטען פֿון די אַרעסטאַנטען און ס'איז מיר שטאַרק נמאס געוואָרען דאָס גאַנצע געפֿענגנים לעבען. מיר האָט זיך געדאַכט אז דער גאָט פֿון רחמנות וועט זיך ענדליך אַרומקוקען אויף מיר און מיר שיקען חאָטש אַ שטיקעל טרייסט. נו, חאָטש אַ קליין פֿייגעלע וואָס זאָל מיר אַביסעל זינגען.

כ'וויים ניט אויב גאָט האָט דערהערט מיין געבעט אדער דער טייפֿעל. תיכף האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטימע אונטער מיין פֿענסטער. דאָס איז ניט געווען קיין פֿויגעל שטימע נאר אַ פֿיעל זיסערע און אַ בעסערע. ס'האָט געזונגען א מיידעל פֿון אַ יאָהר פֿופֿצעהן מיט א ריינעם, ווייכען קול. איך האָב אויפֿגעהויבען מיין קאָפּ און זיך איינגעהערט. אַ טרויריגע, האָפֿנונגסלאָזע מעלאָדיע האָט זיך געגאָסען און ס'איז פֿאַר מיר גאַנץ אונמעגליך אויסדריקען אויף וויפֿיעל זי האָט אויף מיר געווירקט.

איך האָב אין מיין לעבען קיינמאָל ניט געהערט און וועל שוין געווים קיינמאָל ניט הערען אזא טרויעריג ליעד. ס'האָט דערצעהלט וועגען אַ קאַמפּף צווישען מערדער און וועכטער. דעם גנב, וועלכען דער פֿעראורטיילטער מערדער באַגעגענט

בעט ער איבערצוגעבען זיין פרוי אַז ער האָט „פּאַרטיג געמאַכט א בוים און איז צוגעדעקט", דאָס מיינט, אַז ער האָט געה׳רג׳עט אַ מענשען און איז אַרעטירט געוואָרען. די פרוי לאָזט זיך צום קעניג בעטען גנאדע, דער קעניג אבער ווערט אין כעס און סטראַשעט אַז ער וועט דעם פערברעכער צווינגען צו „טאַנצען אין דער לופט."—וועגען דעם אַלעם האָט געזונגען אַ צאַרטע שטימע, וועלכע איז בעשאַפען געווארען צו ערקוויקען מענשליכע הערצער.

איך האָב זיך געפיהלט גאַנץ געדריקט און נידערשלאָגען. ס׳איז געוועזען עקעלהאַפט צו הערען אָט די שרעקליכע ווערטער קומען אַרויס פון פרישע, איידעלע קינדער ליפען, ווי שלאַנגען גיפט אויף אַ שעהנער בלום.

מיר איז שווער איבערצוגעבען וואָס איך האָב געפיהלט. עפּעס האָט געפרעסט דאָס האַרץ און אין דערזעלבער צייט טיעף געריהרט. אָט דער נידריגער פאַרברעכער-זשארגאָן וועגען טורמע און קאַטאָרגע געזונגען מיט א זיסער שטימע פון אַ קינד וואָט ווערט באַלד אַ פרוי. מאוסע ווערטער און אַזוי פיעל זיסקייט און געשמאַק!

אָה, וואָס פאר אַן אונפערשעהמטע זאַך די טורמע איז! ס׳איז אַ גיפט וואָס פערסמט אַלעס, אפילו דאס ליעד פון אַ קינד! ווען פויגעל זאָלען דא זיין וואָלטען די פליגעל פערבלאָטיגט ווערען. די שעהנסטע בלום פערלירט דאָ איהר ריח און שטינקט!

XVII.

אה, ווען איך זאָל נאר קענען אַנטלויפען, ווי געלאָפען וואָלט איך איבער די פעלדער!

ניין, לויפען איז א געפאהר. דאָס ציהט די אויפמערקזאַמקייט און ערוועקט חשד. פאַרקעהרט, מ׳דארף געהן פאַמעליך, לאַנגזאַם מיט א פערריסענעם קאָפ און אונטערזינגען. מ׳מוז קריגען ערגעץ אַ רויטען ראָק מיט רויטע פאַסען

קיינער וואָלט מיך דאמאלס ניט דערקענט. אַלע גערטנער טראָגען אַזאַ מלבוש.

ניט ווייט פֿון אַ ר ק י י ל איז דא אַ קליין וועלדעל, נעבען געפֿינט זיך אַ זומפּ. דאָרט פֿלעג איך אַלע דאָנערשטאג האַפּען פֿרעש צוזאַמען מיט מיינע חברים. דאָרט וואָלט איך זיך בעהאלטען ביז ביינאכט.

פֿון דאָרט וואלט איך אוועק ווייטער, קיין ווינסען. ניין, אַהין טויג ניט, דאָרט וואָלט מיר דער טייך געווען אין וועג. איך וואָלט בעסער געגאנגען אין ארפאזשאן. הא? אפשר גאר בעסער קיין האַווער דורך סט. זשערמען און פֿון דאָרט גלייך קיין ענגלאַנד? אָבער וואס טהוע איך ווען עס קומט מיר אַקעגען אַ זשאַנדארם און פֿאָדערט אַ פּאספּאָרט... דאַן בין איך דאָך פֿערלוירען...

אָה, אונגליקליכער טרוימער! צוערשט ברעך דורך אָט די שטיינערנע ווענד דריי פֿוס דיק, וועלכע רינגלען דיך אַרום. ניין, דער טויט! דער טויט! דאָס איז מיין זיכערסטער וועג!

ס'איז מיר מיט אַמאָל אַרויף אויפֿ'ן זינען די צייט ווען איך פֿלעג אין מיינע קינדער יאהרען קומען אין „ביסעטר" אנצוקוקען דעם גרויסען ברונען און די משוגעים!

XVIII.

אין דער צייט וואָס איך האָב געשריבען האָט אנגעהויבען טאָגען. דער טהורם זייגער האָט שוין געשלאָגען זעקס.

וואָס קען דאָס בעדייטען? מיין וועכטער איז אריין צו מיר אין קערקער, האָט אראפּגענומען די היטעל, מיך בעגריסט, האָט זיך ענטשולדיגט וואס ער שטערט מיר און געפרעגט, אנשטרענגענדיג זיך צו ריידען מיט אַ ווייכער שטימע, וואס איך פֿערלאנג צו פֿריהשטיק.

מיין קערפּער האָט אנגעהויבען ציטערן. וועט עס ווירקליך פֿאָרקומען היינט?

XIX.

יא, היינט!

דער אויפזועהער פון געפענגנים האָט מיך בעזוכט. ער האָט מיך געפרעגט אויב ער קען זיין מיט עפּעס ניצליך פאַר מיר און האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו בעקלאגען אויף איהם אדער אויף זיינע העלפערי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען מיין געזונד און ווי אזוי איך האָב די נאַכט פערבראכט. ווען ער האָט גענומען אבשיעד פון מיר האָט ער צוגעלייגט צו מיין נאָמען דאָס וואָרט „העררע".

XX.

דער אויפזועהער איז איבערציינגט, אַז איך האָב ניט קיינע אורזאַכען צו בעקלאָגען זיך ניט אויף איהם, ניט אויף זיינע העלפער. אייגענטליך איז ער גערעכט. וואָס קאָן איך האָבען צו זיי? זיי האָבען געטהון זייער פפליכט, זיי האָבען מיך גוט געהיט, האָבען זיך פערהאַלטען גאַנץ אַנשטענדיג פונ'ם ערשטען טאָג ביז'ן לעצטען. פאַר וואָס זשע זאָל איך זיין אונצופריעדען מיט זיי?

דער אויפזועהער מיט זיין זיסען שמייכעל, גנבישע ווערטערלעך, מיט זיינע אויגען וואָס גלעטען כ למרשט און אין דערזעלבער צייט היטען זיי יעדע בעוועגונג, מיט זיינע גרויסע גראָבע הענד —דאָס איז די פערקערפערונג פון געפענגעניס, דער „ביסעטר" אין געשטאַלט פון אַ מענשען. איך זעה געפענגנים אין אַלעס און אין אַלעמען, אין די מענשען אזוי גוט ווי אין די גראַטעס און שלעסער. די וואַנד דאָס איז געפענגנים אין געשטאַלט פון שטיין; די טיר —אַ געפענגנים אינ'ם געשטאַלט פון האָלץ; די וועכטער — א געפענגענים אין פלייש און בלוט. געפענגנים! דאָס איז אַ מורא'דיגע בריאה, האַלב מענש האַלב הויז און איך בין איהר קרבן, וועלכער איז אַריינגעפאַלען אין איהרע אייזערנע לאַפּעס. זי שטיקט מיך מיט איהרע אייזערנע ווענד, פרעסט מיך מיט איהרע שלעסער און היט מיך מיט איהרע וועכטער'ס אויגען

א, אונגליקליכער נפש! וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס דיינקען זיי צו טהון מיט מיר.

XXI.

איצט בין איך רוהיג. אַלעס איז שוין פאַריבער! איך פיהל מיך שוין רוהיג נאָך די אַנגסטען וואָס דעם אויפזועהער'ס וויזיט האָט מיר פערשאַפען. איך בין זיך מודה, אַז ביז ער איז געקומען האָב איך נאָך אַלץ געהאָפט. איצט אָבער, דאַנקען גאָט, האָב איך שוין אויפגעגעבען די לעצטע האָפנונג.

אָט וואָס ס'האָט פאַסירט נאָך'ן אויפזועהערס וויזיט.

ווען דער זייגער האָט געשלאָגען האַלב נאָך זעקס, ניין, ס'איז געווען אַ פערטעל צו זיבען —האָט זיך די טיר געעפענט און אַן'אַלטער, גרויער מאַן אין אַ מאַנטעל איז אַריינגעקומען. דאָס איז געווען אַ גלח.

דאָס איז ניט געווען דער געפענגנים גלח נאָר אַן'אַנדערער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען מיר און מיך בעטראַכט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל, האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפ און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, דאָס הייסט —צום סופיט. איך האָב איהם פערשטאַנען.

—מיין זוהן —האָט ער זיך אנגערופען —ביזטו פאָרבערייטעט?

איך האָב קוים געענטפערט:

—איך בין ניט פאָרבערייטעט, איך בין פאַרטיג.

איך האָב דערפיהלט ווי עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, אַ קאַלטער שוויס האָט בעדעקט מיין קערפער, אין די שלייפען האָבען געקלאַפט און אין די אויערען האָט געקלונגען.

איך בין קוים איינגעזעסען אויף מיין פלאַץ, איך בין שיער ניט געפאַלען אין חלשות און דער אַלטער איז געזעסען און אפנים עפעס גערעדט צו מיר. דאָס האָב איך פערשטאַנען פון די בעוועגונגען פון זיינע הענד, פון די שאָקלענדע ליפען און בלישטשען פון זיינע אויגען.

די מיר האָט זיך ווידער געעפענט. דאָס קרעכצען פון די מיר־שלעסער האָט מיר אומגעקעהרט מיין פערשטאַנד. ס'איז אַריינגעקומען דער אויפזעהער מיט נאָך אַ מאַן געקליי־דעט אין שוואַרצען. דער לעצטער האָט מיך בעגריסט גאַנץ העפליך. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַן אָפיציעלען טרויער, ווי ביי איינעם פון חברה קדישא. אין אַ האַנד האָט ער גע־האַלטען אַ פּאַפּיער.

—געעהרטער העדר —האָט ער זיך צו מיר אנגערופען מיט אַ ליעב שמייכעל —איך בין אַ קאָמיסאַר פון קעניגליכען געריכט. איך האָב די עהרע אייך צו ברענגען אַ שליחות פונ'ם פּראָקוראָר.

איך האָב צוריק בעקומען מיין מוטה.

—פונ'ם פּראָקוראָר, זאָגט איהר? דער זעלבער וואָס האָט אַזוי שטאַרק פערלאַנגט מיין קאָפּ? ס'איז באמת אַ כבוד פאַר מיר ער זאָל צו מיר שרייבען. איך האָף אַז מיין טויט וועט איהם פערשאַפען פיעל נחת, ווייל ווען ס'זאָל איהם זיין אַלץ איינס, וואָלט ער ניט איינגעלעגט אַזוי די וועלט אַז מ'זאָל ארויסטראָגען גראַדע אַ טויט אורטייל.

כ'האָב דאָס אַלעס געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע און דערנאָך זיך געווענדעט צום מאַן:

ליינעט, מיין העדר!

ער האָט אנגעהויבען ליינען אַ גאַנצע מגלה. געענדיגט יעדע פראַזע אויסגעצויגען און געשלונגען גאַנצע ווערטער. דאָס איז געווען אַן אָפיציעלע מיטטיילונג, אַז מיין אַפּיעל איז ניט אנגענומען געוואָרען.

—דער אורטהייל וועט היינט אויסגעפיהרט ווערען אויפ'ן פלאַץ „דע גרעוו" —האָט ער צוגעלייגט אויפ'ן סוף, ניט אראָפּנעהמענדיג די אויגען פונ'ם פּאַפּיער —פונקט האַלב אַכט פאָהרען מיר צום וואַך הויז. געעהרטער העדר, וועט איהר אַזוי גוט זיין מיטצופאָהרען?

עטליכע מאָמענטען בין איך געווען ווי פאַרטויבט. דער

אויפֿזועהער האָט גערעדט מיט'ן גלח, דער קאָמיסאַר האָט זיך עפּעס געפֿאָרעט מיט זיינע פּאַפּירען. איך האָב געקוקט אויף דער טיר — זי איז געווען האַלב אָפֿען... אָ, אונגליקליכער! אין קאָרידאָר זיינען געשטאַנען פֿיער בעוואָפֿענטע סאָלדאַטען!...

דער געריכטס קאָמיסאַר האָט איבערגע'חזרט זיין לעצטע פֿראַגע. דאָס מאָל האָט ער שוין געקוקט גלייך אויף מיר.

— אויב איהר ווילט, מיין הערר, — האָב איך געזאָגט — ווי פֿאַר אַייך איז בעקוועמער.

ער האָט זיך פֿערנייגט און געזאָגט:

— אין אַ האַלבע שטונדע אַרום וועל איך קומען נאָך אַייך׳ נאָכדעם האָט מען מיך איבערגעלאָזט אַליין׳

איך מוז אַנטלויפֿען! מיין גאָט, איז דאָ ערגיץ אַ מיטעל אויף דער וועלט? איך מוז! אַנטלויפֿען תיכף! דורך דער טיר דורך דעם פֿענסטער, דורכ'ן דאַך! ווען אפילו שטיקער פֿון מיין פֿלייש וועלען בלייבען הענגען אויף די באַלקענס! פֿאַרשאָלטען זאָל דאָס ווערען! ס'מוז דאָך אָבער נעהמען גאַנצע חדשים צייט אויף דורכלעכערען דיעזע ווענט. ס'מוז דאָך דערצו האָבען געצייג און איך האָב אפילו קיין צוויאָק, אפילו קיין שעה צייט שוין נים.

XXII.

איך געפֿין מיך אויפ'ן „בעשטימטען אָרט", ווי ס'הייסט אין רעפּאָרט.

ס'איז כדאי בעשרייבען די רייזע.

ס'איז געווען האַלב אַכט, ווען דער געריכטס קאָמיסאַר האָט זיך ווידער בעוויזען אין מיין קאַרקער.

— מיין הערר! — האָט ער זיך אנגערופֿען — איך וואַרט אויף אַייך.

איך בין אויפֿגעשטאַנען און געמאַכט איין טריט. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז ווייטער געהן וועל איך שוין נים קענען. דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט און די פֿיס זיינען אַזוי שוואַך

געווען. איך האָב זיך אָבער אָנגעשטריינגט און בין נאָכגעגאַנגען מיט זיכערע טריט. איך האָב מיך אויסגעדרעהט און געוואָרפֿען אַ לעצטען בליק אויף מיין חדר. ער איז ביי מיר מיט אַמאָל בעליעבט געוואָרען! עפּעס מאָדנע האָט דער קערקער אויסגעזעהען אַ פוסטער און דערצו נאָך מיט אַנ'אָפֿענער טיר.

אָבער ניט לאַנג וועט איהם אויסקומען צו שטעהן פוסט. „היינט ביינאַכט וועט מען ברייגנען אַנ'אַנדערען אַהער" — האָט מיר דער וועכטער געזאָגט.

אין קאָרידאָר האָבען מיר זיך באַגעגענט מיט דעם געפֿענגנים־גלח. ער האָט שוין פֿאר דער צייט אָפּגעגעסען זיין פֿרישטיק.

ווען מיר האָבען פֿארלאָזען דאָס געפֿענגנים, האָט דער אויפֿזעהער געדריקט וואַרעם מיין האַנד און האָט פֿאַרגרעסערט די צאָהל פֿון מיינע באַגלייטער מיט נאָך פֿיער סאָלדאַטען.

ווען איך בין פֿערביי געגאַנגען דעם האָספּיטאַל, האָט אַנ'אַלטער אַרעסטאַנט, וואָס האַלט שוין ביים שטאַרבען, אויסגעשריען צו מיר.

— צום ווידערזעהען!

מיר זענען אַריין אין הויף. די פֿרישע לופֿט האָט מיך אַביסעל געשטאַרקט.

אַ קאַרעטע געשפּאַנט אין פּאָסט־פֿערד, האָט געוואַרט אויף מיר אינ'ם ערשטען הויף. די זעלבע קאַרעטע האָט מיך אויך געבראַכט אַהערצו. זי איז געווען אַיינגעטהיילט אין צוויי טהיילען דורך געפֿלאָכטענע אַייזערנע גראַטעס. די קאַרעטע האָט אויסגעזעהען אַזוי שמוציג, שוואַרץ און פֿערשטויבט, אַז דער אָרעמסטער לויה־וואָגען האָט אויסגעזעהען קייזערליך אין פֿערגלייך מיט איהר.

איידער איך האָב מיך בעגראָבען אין דיזען פֿיערעדיגען קבר האָב איך אַ וואָרף געטהון אַ בליק אויפֿ'ן הויף, מיט איינעם פֿון יענע יאוש'דיגע בליקען וועלכער איז אימשטאַנד, דאַכט מיר, מויערען איינוואַלגערען. דער פלאַץ איז געווען באַזעצט

מיט בוימער און איז געווען פֿול מיט אַ מאַסע צושויער נאָך מעהר ווי אין דעם טאָג וואָס די פֿערשיקטע אַרעסטאַנטען האָבען פֿערלאָזען די טורמע.

אַזוי ווי אינ׳ם טאָג, ווען מ׳האָט די אַרעסטאַנטען פֿערשיקט, אַזוי האָט אויך היינט געגאָסען אַ הערבסט רעגען. ער גיסט אויך איצט, אין דער צייט וואָס איך שרייב דיעזע שורות; ער וועט גיסען אַ גאַנצען טאָג און וועט געוויס נאָך געהן ווען איך וועל שוין ניט זיין. דער הויף איז געווען פֿול מיט בלאָטע און וואַסער און איך האָב חאָטש הנאה געהאַט דערפֿון וואָס די מאַסע צושויער שטויסען זיך אין בלאָטע און נעצען זיך אונטערן רעגען.

מיר האָבען זיך אַריינגעזעצט אין קאַרעטע. דער קאָמיסאַר און אַ זשאַנדאַר האָבען זיך געזעצט אין איין אַבטהיילונג, דער גלח, אַ זשאַנדאַר און איך אין דער צווייטער אַבטהיילונג. פֿיער רייטענדע זשאַנדאַרען האָבען באַגלייט די קאַרעטע. אַכט מענשען אַרום איינעם, אויסער דעם קוטשער.

ווען איך בין אַריין אין קאַרעטע, האָט זיך אַנ׳אַלטע פֿרוי אָנגערופֿען:

— דאָס איז פֿיעל מעהר אינטערעסאַנטער צו זעהען, איידער דאָס אַיינשמיעדען פֿון די פֿערשיקטע!

איך פֿאַרשטעה פֿאַר וואָס. דיעזע סצענע קאָן מען אַרומנעהמען מיט איין בליק, מ׳קען זי באַמערקען שנעל. די סצענע איז אַ גאַנצע, זי איז ניט צעברעקעלט אויף אַ סך חלקים; ס׳איז דאָ בלויז איין מענש, און דער איינציגער מענש איז נאָך דערצו פֿיעל מעהר אונגליקליכער ווי אַלע פֿערשיקטע צוזאַמען. יענע מאַכען דעם אַיינדרוק פֿון אַ מין צופֿיהרטען, שוואַכען שנאַפּס, וועהרענד די איצטיגע פֿאָרשטעלונג איז גלייך צו אַ שטאַרקען, גוטען ספּירט.

די קאַרעטע האָט זיך געריהרט, איז דורכגעפֿאָהרען, טומלענדיג, דעם גרויסען הויפּט טויער און איז אַרויס אין גאַס. די שוועהרע טויערען האָבען זיך באַלד פֿערמאַכט. איך בין

געווען פֿערטויבט, זיך געפֿיהלט ווי איינער וואָס ליגט אין אַ לעטאַרגישען שלאָף. איך האָב זיך ניט געקענט ריהרען אָדער שרייען, נאָר געפֿיהלט האָב איך אַז מ׳פֿיהרט מיך צו דער קבורה. אַ פֿאַרטראָגענער האָב איך זיך צוגעהערט צום מאָנאָ־טאָנען קלונג פֿון די גלעקלעך אויף די העלזער פֿון די פּאָסט־פֿערד וואָס טראָגען מיך, צום גערויש פֿון די רעדער און גאַ־לאָפּ פֿון די זשאַנדאַרמסקע פֿערד אַרום דער קאַרעטע. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַ בייזער ווינד פֿאַרטראָגט מיך ערגעץ.

דורך די גראַטעס פֿונ׳ם פֿענסטער וואָס אַקעגען מיר, האָבען זיך מיינע אויגען מעכאַניש אָבגעשטעלט אויף אַ שילד מיט גרויסע אויתיות איבערן דעם הויפּט טויער פֿון „ביסעטר“:

„מושב זקנים“.

ווי ס׳שיינט זענען פֿאַראַן מענשען, וואָס לעבען דאָ אויס זייערע יאָהרען, — האָב איך אַ טראַכט געטהון.

דער געדאַנק האָט זיך אַיינגעפּרעסט אין מיין מח און האָט זיך דאָרט געפּלאָנטעט, ווי ס׳טרעפֿט אָפֿט מיט אַ מענשען ווען ער איז האַלב שלעפֿעדיג און זיין מח איז מיעד.

די קאַרעטע איז אַרויס אויפֿ׳ן ברייטען וועג און די סצענע האָט זיך תיכף געביטען. די טהורעמס פֿון נאָטערדאַם האָבען זיך אַרויסגעזעהען דורך דעם פּאַריזער בלאָהען נעבעל און דאָס האָט אויך געענדערט דעם גאַנג פֿון מיינע געדאַנקען. דער געדאַנק וועגען ביסעטר האָט אָבגעטראָטען אַ פּלאַץ פֿאַר׳ן גע־דאַנק וועגען נאָטערדאַם. פּלוצלונג איז מיר אַרויף אויפֿ׳ן מח אַ מאָדנער געדאַנק, וועלכער האָט ביי מיר אַרויסגערופֿען אַ שמייכעל. איך האָב געטראַכט אַז די יעניגע וואָס וועלען שטעהען אויפֿ׳ן טהורעם, וואו די פֿאָהן הענגט, וועט זיין בעק־ווע צו זעהען מיין סוף...

גראַדע אין דעם מאָמענט האָט דער גלח עפּעס ווידער אָנגעהויבען רעדען צו מיר. איך אָבער האָב קיין איינציג וואָרט ניט פֿערשטאַנען. אין די אויהערן האָט געקלאַפּט דער גערויש פֿון די רעדער, דער גאַלאָפּ פֿון די פֿערד, דאָס קנאַלען פֿון

דער בייטש און דעם גלח׳ס קול האָט זיך צונויפֿגעגאָסען צוזאַמען מיט אָט די אַלע קולות.

איך האָב זיך שווייגענדיג צוגעהערט צו זיין קול, וועלכער האָט פֿערוויעגט מיינע געדאַנקען ווי אַ קול פֿון אַ פֿליעסענדענם וואַסער, ווי אַנ׳אַלט בעקאַנט ליעדעל פֿון אַמאָליגע צייטען.

— נו, ווייסט איהר עפּעס נייעס? — האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ שטאַרקע, כמעט אַ פֿרעהליכע שטימע.

מיט דיעזע פֿראַגע האָט זיך דער קאָמיסאַר געווענדעט צום גלח.

דעם גלח האָט איבער׳ן קלאַפּען פֿון דער קאַרעטע ניט אַיינגעהערט דעם קאָמיסאַר׳ס פֿראַגע און האָט נאָך אַלץ גערעדט צו מיר.

— אַי, ס׳איז אַ גיהנם אָט די קאַרעטע! — האָט זיך דער קאָמיסאַר אָבגערופֿען מיט אַ הויכען קול, איבערשרייענדיג דעם טומעל פֿון די רעדער.

„אַ ריכטיגער גיהנם!"

— איבער דאָס טרייסלען — האָט דער קאָמיסאַר פֿאָרטגעזעצט—איז גאָר אָונמעגליך צו הערען וואָס מ׳רעדט. וואָס האָב איך אַייך געוואָלט זאָגען... הערר פּריסטער, הערט זיך אַיין זייט מוחל... אָה, יאָ! האָט איהר שוין געהערט היינטיגע וויכטיגע נייעס פֿון פּאַריז?

איך האָב מיך אַנגעשטריינגט, גלייך ווי מ׳וואָלט רעדען פֿון מיר.

—ניין, — האָט זיך דער גלח אָנגערופֿען—איך האָב היינט קיין צייט געהאַט איבערצולייענען די צייטונג. איך ווער זי איבערזעהען אין אָוונד. ווען איך בין פֿערנומען דעם טאָג, ווי היינט, זאָג איך שוין אָן אַז מ׳זאָל בעהאַלטען פֿאַר מיר די צייטונג ווען איך קום אַהיים.

— ס׳איז אָבער אונמעגליך אַז איהר זאָלט היינטיגע נייעס ניט וויסען, גאַנץ פּאַריז קאָכט.

איך האָב זיך אַריינגעמישט אינ׳ם געשפּרעך.

— איך דענק, אַז איך וויים די נייעס.

דער קאָמיסאַר האָט מיך בעטראַכט.

— איהר ? ווירקליך ? וואָס זשע איז אַייער מיינונג דערויף.

— וואָס געהט עס אַייך אָן ?

— פֿאַר וואָס ניט ? יעדער מענש האָט זיך זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען. איך שעץ אַייך גענוג אום צו גלויבען, אַז איהר האָט אייערע פֿעסטגעשטעלטע מיינונגען אין פּאָליטישע פֿראַגען. וואָס איז נוגע מיר, בין איך פֿאַר דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. איך האָב אַליין אַמאָל געדיענט אין מיליטער און דערמאָן מיך מיט פֿערגניגען אין יענער צייט.

— כ'האָב גערעכענט אַז איהר מיינט עפּעס אַנדערש — האָב איך איהם אונטערבראָכען.

— וואָס דען ? איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט אַז איהר ווייסט היינטיגע נייעס.

— איך האָב אין זינען געהאַט אַנ'אַנדער נייעס איבער וועל־כער עס רעדט אויך היינט גאַנץ פּאַריז.

דער שוטה האָט מיך ניט פֿערשטאַנען. זיין נייגעריגקייט איז גרעסער געוואָרען.

— אַנדערע נייעס ? צום טייפֿעל ! וואו האָט איהר געקענט הערען די נייעס ? וואָס פֿאַר נייעס ? זאָגט, איך בעט אַייך. הערר פּריסטער, אפּשר ווייסט איהר די נייעס ? איך בעט אַייך דער־צעהלט מיר וועגען וואָס ס'האַנדעלט זיך. איך האָב זעהר ליעב צו הערען נייעס. איך דערצעהל זיי דערנאָך דעם פֿאָרזיצענ־דען און דאָס פֿערשאַפֿט איהם פֿערגניגען.

ער האָט זיך ווידער געווענדעט צו מיר, דערנאָך נאָכ־אַמאָל צום גלח אום אַרויסצוקוועטשען עפּעס. איך האָב איהם אָבער נאָר געהויבען די אַקסלען און גאָר ניט געענטפֿערט.

— נו, איך בעט אַייך — האָט ער געזאָגט צו מיר — זאָגט מיר וואָס פֿאַר נייעס איהר מיינט.

— איך מיין — האָב איך איהם געענטפֿערט אַז היינט אָוועגד וועל איך שוין גאָר ניט מיינען.

— אָה, דאָס איז גאָר ! איהר נעמט די זאַך צופֿיעל צום

האַרצען, קאַסטאַן, אין דער זעלבער לאַגע ווי איהר איצט, האָט די גאַנצע צייט געפּלוידערט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך פאָרט: טעזעצ

— איך האָב אויך פּאפאוואן'ען בעגלייטעט. ער האָט געטראָגען אַ פֿוטערנע היטעל און רוהיג גערויכערט אַ סיגאַר. אויך די יונגע לייט פֿון לאַ־ראַשעל האָבען די גאַנצע וועג גערעדט נאָר צווישען זיך, אָבער דאָך גערעדט.

און נאָך אַ קורצע פּויזע האָט ער זיך אָבגערופֿען.

— משוגעים! פֿאַנאַטיקער! ס'האָט אויסגעזעהען ווי זיי וואָלטען מבטל געווען די גאַנצע וועלט. עה, יונגערמאַן, צופֿיעל זענט איהר פֿערטראַכט.

— יונגערמאַן? — האָב איך געענטפֿערט — איך בין עלטער פֿון אײַך. יעדע פֿערטעל שעה מאַכט מיך עלטער אויף אַ גאַנץ יאָהר.

ער האָט זיך אויסגעדרעהט צו מיר און האָט מיך אָנגעקוקט אַ מינוט און דערנאָך אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— עלטער פֿון מיר? איהר שפּאַסט! איך זעה דאָך אויס ווי אײַער אַ זיידע.

— איך שפּאַס ניט — האָב איך געזאָגט ערנסט.

ער האָט אויפֿגעמאַכט זיין טאַבאַק פושקע.

— זייט ניט ברוגז אויף מיר און נעמט אַ ביסעל טאַבאַק.

— האָט ניט קיין מורא — האָב איך זיך אָנגערופֿען — איך וועל לאַנג אויף אײַך ברוגז ניט זיין.

אין דער צייט וואָס ער האָט גערעדט, האָט זיך די קאַרעטע אַ שטאַרקען טרייסעל געטהון. די טאַבאַק־פושקע האָט זיך אָנגעשלאָגען אין די דראָטענע גראַטעס און איז אַרויסגעפֿאַלען פֿון זיינע הענד נעבען דעם זשאַנדאַר'ס פֿיס.

— פֿערשאָלטען זאָל דאָס ווערען! — האָט דער קאָמיסאַר אויסגעשריען.־ אָט אַנ'אונגליק דער גאַנצער טאַבאַק איז צושאָטען געוואָרען.

— איך פֿערליר מעהר פֿון אײַך — האָב איך געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

ער האָט זיך אָנגעבויגען צוזאַמענקלייבען דעם טאַבאַק, מורמלענדיג צווישען די ציינער:

— מעהר ווי איך! גרינג צו זאָגען. בלייבען דעם גאַנצען וועג אָהן טאַבאַק. אַ שרעק.

דער גלח האָט גענומען איהם טרייסטען און בנאמנות, ס'האָט זיך מיר געדאַכט אַז דער גלח האָט פֿאָרטגעזעצט פֿאַר'ן קאָמיסאַר דיזעלבע ווערטער פֿון טרייסט, וועלכע האָט אָנגעפֿאַנגען מיט מיר. ביסלעכווייז האָבען זיי זיך ביידע פֿאַררעדט. איך האָב זיך ניט צוגעהערט מעהר און האָב זיך פֿארטיעפֿט אין מיינע טרויעריגע געדאַנקען.

די קאַרעטע האָט זיך אַלץ ווייטער דערנאָהענט צום ציעל. חאָטש איך בין געווען פֿאַרנומען מיט מיינע פֿינסטערע געדאַנקען און האָב זיך ניט אינטערעסירט מעהר מיט אַלעס וואָס ס'קומט פֿאָר אַרום מיר, דאָך האָט זיך מיר געדאַכט אַז אין פּאַריז רוישט היינט מעהר ווי אַלע מאָל.

מיר האָבען זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט ביים צאָל־הויז. די בעאַמטע האָבען איבערגעקוקט די קאַרעטע. ווען מ'וואָלט דאָרט געפֿיהרט אָקסען אָדער שאָף אין שחיטה הויז, וואָלט מען געמוזט בעצאָהלען אַ היבשען שטייער; פֿאַר אַ מענשליבער קאָפּ אָבער צאָהלט מען ניט. מ'האָט אונז דורכגעלאָזט פֿריי.

מיר זיינען דורכגעפֿאהרען דעם בולוואַר און די קאַרעטע איז שנעל געפֿאָהרען צווישען געדרעהטע געסלעך. די קאַרעטע האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז ס'איז געווען אונמעגליך צו הערען דעם רעש פֿון גאַס.

איך האב ארויסגעקוקט דורך דעם פֿענסטער און באמערקט ווי דער שטראָם פֿון די פֿאַרבייגעהער שטעלט זיך אָפּ קוקען אויף דער קאַרעטע און מחנות קינדער לויפֿען נאָך. כ'האב געזעהען אפגעריסענע מענער און פֿרויען שטעהען מיט אָפֿענע מיילער, ווי זיי וואלטען עפּעס אויסשרייען, און האַלטען אין די הענד געדרוקטע פלוג־בלעטער, וועלכע ווערען שנעל אויספֿאַרקויפֿט. דער עולם חאַפּט זיי פשוט פֿון די הענד.

דער זייגער האָט געשלאָגען האַלב נייען, ווען מיר זיינען אַריינגעפֿאָהרען אינ'ם הויף פֿונ'ם וואַכט־הויז. א קעלט האָט מיך דורכגענומען ווען איך האָב דערזעהען די גרויסע טרעפּ, די שוואַרצע קירכע און די פֿינסטערע טורמע פֿענסטערלעך. ווען די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט זיך מיר געדאַכט אַז אויך מיין האַרץ האָט זיך אין מיר אָבגעשטעלט.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע לעצטע כחות. די טיר האָט זיך שנעל געעפֿענט. איך בין אראפּגעשפּרונגען פֿונ'ם בעוועג־ליכען קערקער און געמאַכט פֿעסטע טריט צווישען צוויי רייהען סאָלדאַטען. אַ מאסע מענשען האָט זיך פֿערזאמעלט כדי מיך אנצוקוקען.

XXIII.

אַזוי לאַנג ווי איך בין געגאַנגען איבער די קאָרידאָרען פֿונ'ם געריכט איז מיר געווען גאַנץ גרינג אויפֿ'ן האַרצען און איך האָב מיך געפֿיהלט כמעט פֿריי; נאָר מיין מוטה האָט מיך איינגאַנצען פֿערלאָזען, ווען מ'האָט מיך אָנגעהויבען פֿיהרען פֿאַרביי שוועהרע טירען, ענגע, געדרעהטע טרעפּ, פֿינסטערע קאָרידאָרען, וואו ס'געהען נאָר די וואָס מ'אורטיילט און די וואָס זיינען שוין פֿעראורטיילט.

דער קאָמיסאַר האָט מיך נאָך אַלץ באַגלייט, נאר דער גלח איז אַוועקגעגאַנגען, צוזאָגענדיג אַז אין צוויי שעה אַרום וועט ער צוריקקומען. ער האָט געהאַט אַנדערע זאַכען צו פֿערזאָרגען.

מ'האָט מיך אַריינגעפֿיהרט אינ'ם קאבינעט פֿונ'ם אויפֿ־זעהער און דער קאָמיסאַר האָט מיך איבערגעלאָזט אונטער זיין רשות. דער דירעקטאָר האָט געבעטען דעם קאמיסאַר נאך וואַרטען אַביסעל, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַנ'אַנדערען אָב־צושיקען קיין „ביסעטר" מיט דער זעלבער קאַרעטע וואָס האָט מיך אהער געבראכט. מסתמא איז דאָס אַ מאַן, וואָס איז פֿער־אורטיילט געוואָרען צום טויט. ער וועט היינט ביינאַכט ליגען

אויפ׳ן זעלבען שטרוי, וועלכען איך וועל שוין קיינמאָל ניט בענוצען מעהר.

גוט, — האָט זיך דער קאָמיסאר אנגערופען — איך וועל גערן וואַרטען. ס׳איז פאַר מיר נאך בעסער. מיר וועלען צוזאַמענשטעלען ביידע פראָטאָקאָלען אינאיינעם.

דערווייל האָט מען מיך אַריינגעפיהרט אין אַ קליינעם צימער נעבען דעם קאַבינעט. דאָרט האָט מען מיך אַליין איבערגעלאָזט און פאַרשפאַרט די טיר אונטער מיר.

איך האָב קיין בעגריף וועגען דעם וואס איך האב געטראכט און ווי לאנג איך בין געזעסען פערטראכט. פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ ווילדען געלעכטער אין׳ם צימער און האָב זיך אויפגעכאַפּט.

איך האב זיך ארומגעקוקט מיט שרעק. ערשט דאַן האָב איך דערזעהען אַז איך בין ניט אַליין אין צימער. אַ מאַן איז געשטאַנען נעבען מיר, אַ מענש פון אַ יאָהר פופציג, אַ גרויער און אַנ׳איינגעהויקערטער מיט חיטרע שמייכלענדע אויגען. ער איז געווען שמוציג, בעהאַנגען מיט שמאַטעס און האָט בכלל אויסגעזעהען זעהר אַבשטויסענד.

ווי ס׳שיינט, האָט זיך די טיר געעפענט, ער איז אַריינגעשטויסען געוואָרען און דערנאך האָט זיך די טיר ווידער פערמאַכט און איך האב גאר ניט באמערקט. אָה, ווען דער טויט זאל קומען אַזוי אונבעמערקטערהייד!

אַ שטיקעל צייט האבען מיר זיך בעטראכט איינער דעם צווייטען. ער מיט אַ געלעכטער, וואס איז עהנליך געווען צו נ׳אַ סקריפ און איך — פערוואונדערט און כמעט דערשראקען.

— ווער זענט איהר? — האָב איך ענדליך געפרעגט.

— אַ שענע פראגע!—האָט ער געענטפערט—אַ פאַרטיגער.

— אַ פאַרטיגער? וואָס הייסט עס?

— דאס הייסט — האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ געלעכטער — אַז אין זעכס וואכען אַרום וועט דער תליון זיך

שפּיעלען מיט מיין קאָפּ ווי ער וועט עס טהון מיט דיין קאָפּ אין
זעקס שטונדען ארום. חאַ־חאַ־חאַ! איצט פערשטעהסטו מיך שוין?

יאָ, איך האָב איהם פֿערשטאַנען! איך בין בלייך געוואָרען
און מיינע האָר האָבען זיך אויפֿגעשטעלט. ס'איז געווען דער
מאַן, וואָס איז נאָר וואס פֿערמשפּט געוואָרען צום טויט און
וועלכען מ'האָט שוין ערוואַרטעט אין ביסעטר, מיין נאַכפֿאָלגער!

ער האָט זיך אָנגערופֿען צו מיר:

— אויב דו ווילסט אויסהערען וועל איך דיר דערצעהלען
מיין געשיכטע: איך בין אַ זוהן פֿון אַ נישקשה'דיגען גנב. אַ
שאָדען, חלעבען, וואס דעם תליין האָט זיך איינמאָל פֿערוואָלט
איהם צובינדען זיין האַלזטוך (הענגען). ס'איז נאך געווען אין
יענע צייטען ווען ביי אונז האָט געוועלטיגט די תליה. צו זעקס
יאָהר האב איך שוין ניט געהאַט קיין פֿאָטער און מוטער.
זומער פֿלעג איך ווייזען קונצען אויף די פֿערשטויבטע וועגען
כדי אַרויסצוקריגען ביי די דורכרייזענדע אַ פּאָר סענט. ווינטער
בין איך אַרומגעלאָפֿען איבער די גאַסען אַ באָרוויסער און אַנ־
אָפּגעריסענער, בלאָזענדיג אויף מיינע פֿערפֿרוירענע הענד. צו
נייען יאָהר האָבען מיר שוין די הענד געבראַכט געוויסע נוצען:
איך האָב שוין זיך דאַמאָלס אויסגעלערענט אויסצולוידיגען
פֿרעמדע טאַשען. צו צעהן יאָהר בין איך געווען אַ פֿעהי־
גער טאַשען־גנב. איך האָב געמאַכט בעקאַנטשאַפֿט מיט ווילדע
יונגען און צו זיבצעהן יאָהר בין איך געווען אַ גנב כהלכתו—
כ'האָב געבראָכען שלעסער און אַיינגעבראכען אין געשעפֿטס
הייזער. מ'האָט מיך איינמאָל געחאַפּט ביי דער אַרבייט און
אַוועקגעשיקט במחילה אויף קאַטאָרגע. אַ מאוסע זאַך אָט די
קאַטאָרגע. מ'שלאָפֿט אויף הוילע ברעטער, מ'עסט שוואַרץ
ברויט, מ'טרינקט בלויז וואַסער, מ'איז איינגעשפּאַנט ווי אַנ־
אָקס און דערצו קלעפּ פֿון די וועכטער און אַ פֿערשאָלטענע
זון, וואָס האַלט אין איין בראָטען. |א חוץ אַלעמען גאָלט מען
נאָך אָפּ דעם קאָפּ. איך האָב געהאַט שענע, ברוינע קרייזלען...
אָבער ס'מאַכט ניט אויס! כ'האָב מיר אויסגעדיענט מיין צייט.

גאַנצע פֿופֿצעהן יאָהר! כ׳בין שוין דאַמאָלט אַלט געווען צוויי און דרייסיג יאָהר. אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען האָט מען מיר געגעבען אַ רייזע בילעט און זעכציג פֿראנק במזומנים וועלכע כ׳האָב פֿערדיענט אין די פֿופֿצעהן יאָהר קאַטאָרגע, אַרבייטענדיג זעכצעהן שעה אין מעת־לעת אַלע דרייסיג טעג אין מאָנאַט און אַלע צוועלף חדשים אין יאָהר. מילא דאָס איז שוין אַ זאך פֿון דער פֿערגאַנגענהייט! כ׳האָב בעשלאָסען צו זיין אַנ׳עהרליכער מאַן מיט מיינע זעכציג פֿראנק און מעגסט מיר גלויבען, אַז אונטער מיינע שמאטעס האָט געקלאַפּט אַ האַרץ מיט מעהר אָרענטליכע געפֿיהלען, ווי אונטער אַ גלח׳ס מאַנטעל. דער רוח זאָל אָבער נעמען אָט די פּאספּאָרטען! כ׳האב אויך בעקומען איינעם, אַ געלער איז ער געווען, און ס׳איז אויף איהם געווען אָנגעשריבען אַז איך בין אַ „געוועזענער אַרעסטאַנט". כ׳האב איהם געמוזט ווייזען אומעדום, וואהין כ׳בין געקומען און איינמאָל אין וואָך בעווייזען דעם בירגערמייסטער פֿון שטאָדט, וואו ס׳איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען. אַ פֿיינע רעקאָמענדאַציע, חאַ? אַ געוועזענער אַרעסטאַנט! מענשען האָבען מורא געהאַט פֿאר מיר, אַלע טירען האָבען זיך פֿערשלאָסען פֿאַר מיר. קיינער האָט מיר ניט געוואָלט געבען קיין אַרבייט. די זעכציג פֿראנק האָב איך ביסלעכווייז אויפֿגעגעסען. די הענט זיינען געווען שטאַרקע און געזונטע, כ׳האָב אָנגעבאָטען זיך צו שטעלען אַרבייטען אפילו פֿאַר פֿופֿצעהן סו אַ טאג, פֿאַר צעהן, פֿאר פֿינף! ניין, קיינער נעמט מיך ניט. וואס טהוט מען דאָ? איין טאָג ווען איך בין געווען הונגעריג, האָב איך זיך מיישב געווען און האָב אויסגעשלאָגען אַ פֿענסטער אין אַ בעקעריי און אַרויסגעכאַפּט אַ ברויט. דער בעקער פֿון זיין זייט האָט מיך געכאַפּט. כ׳האָב אפילו דעם ברויט ניט אויפֿגעגעסען, אָבער דערפֿאַר האָט מען מיך מכבד געווען מיט אייביגער קאַטאָרגע. כ׳האָב אויף מיין פּלייצע דריי סימנים, אויסגעברענט מיט פֿייער אַלס אַ צייכען פֿון אַנ׳אייביגען קאַטאָרזשניק. ווילסט קאָן איך דיר ווייזען? מ׳האָט מיך אַוועקגעפֿירט קיין טולאָן מיט נאך חברה. כ׳האָב

בעשלאָסען צו אַנטלויפֿען. כדי דאָס דורכצופֿיהרען האָב איך געדאַרפֿט דורכברעכען דריי ווענט און איבערשניידען צוויי קייטען, און איך האָב געהאַט בלויז אַ צוויאָק. כ'בין אָבער דאָך אַנטלאָפֿען. ס'האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ טומעל, מ'האָט געשאָסען, און איך האָב אויסגעזעהען ווי אַ רוימישער קאַרדינאַל געקליידעט אין רויטען, וועלכען מ'באגלייט מיט גרויס כבוד און מ'שיסט מיט פאַראַד. אַ נעכטיגער טאָג! כ'בין אַנטלאָפֿען בשלום. צום אונגליק, האָב איך שוין דאָס מאָל אפילו קיין געלען פאס ניט געהאַט און קיין איינציגען סו. כ'האָב זיך באַגעגענט מיט חברים, וועלכע האָבען, גלייך מיט מיר, אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך די קייטען. זייער פֿיהרער האָט מיר פֿארגעשלאָגען אַריינצוטריטען אין זייער באַנדע. די אַרבייט זייערע איז בעשטאַנען אין הרג'נען און רויבען אויף די ברייטע וועגען. כ'האָב מסכים געווען, זיך גענומען צו דער אַרבייט. אַמאָל בערויבט אַ פאָסט־וואָגען, אַ צווייטען מאָל — אַ פאַרטיי דורכרייזענדע, אַ דריטען מאָל — פֿאַרטיג געמאַכט עפּעס אַ סוחר. די געלד האָבען מיר גערויבט, דעם פֿערד און וואָגען געלאָזט אונטער גאָט'ס השגחה און די נפשות האָבען מיר אויסגעהר'געט און בעגראָבען אונטער אַ בוים און דערביי געזאָרגט, אַז די פֿיס זאָלען ניט אַרויסשפּראָצען פֿון דער ערד און דערנאָך געטאַנצט אויפֿ'ן קבר, כדי מ'זאָל ניט באַמערקען אַז די ערד איז פֿריש געגראָבען. אַזוי האָב איך מיר געלעבט יאָהרען לאַנג, דאָרט וואו געטאָגט האָב איך ניט גענעכטיגט, געוואַנדערט פֿון וואַלד צו וואַלד, געשלאָפֿען אונטער אַ בוים אָדער גאָר אונטער דעם פֿרייען הימעל. דערפֿאַר אָבער האָב איך געלעבט פֿריי, פֿאַר זיך אַליין! נאָר אַלץ האָט אַמאָל אַ סוף. איינמאָל האָבען מיר אונז זשאַנדאַרען געפּאַקט. מיינע חברים, יונגערע פֿון מיר, האָבען געמאַכט פֿיס; איך, דער אַלטסטער, בין אַריינגעפֿאַלען אין די נעגעל פֿון די קעץ מיט גאָלד געשאָריקטע היטלען. זיי האָבען מיך געבראַכט אהער. ווי דו זעהסט, בין איך שוין דורכגעגאַנגען דורך פֿייער און וואַסער.

אַ נאָז־טיכעל גנבהנען אָדער אַ מענשען הרג'נען — ס'איז ביי מיר שוין קיין אונטערשיעד. איצט בלייבט מיר נאָר איבער צו בעקענען זיך מיט'ן תליון. נו, כ'האַב שוין אָבגעזוונגען מיין ליעד, כ'בין אַלט און טויג שוין אויף צרות. מיין פּאָטער האָט חתונה געהאַט פאַר דער אלמנה (געהאָנגען געוואָרען) און איך האַלט איצט ביי ענדיגען אויף אַנ'אַנדער אופן. אַזוי איז עס, חבר!

ווי אַ פּערשטיינערטער האָב איך איהם אויסגעהערט. ער האָט אָנגעהויבען לאַכען נאָך מעהר ווי פריהער און געוואָלט מיך אָננעהמען פאַר דער האַנד. כ'האָב מיט פחד אָבגעטראָטען צוריק.

— הער, גוטער ברודער! — האָט ער זיך אָנגערופען — ווי איך זעה ביסטו ניט קיין גרויסער העלד. מ'דאַרף ניט אַזוי אַראָפּלאָזען דעם נאָז פאַר'ן טויט. אמת, מ'קען ניט זאָגען, אַז ס'איז אַ געשמאַקע זאַך צו געהן אויפ'ן פלאַץ דע־גרעוו, אָבער ס'געהט דאָרט אַלעס צו גאַנץ שנעל. איינס, צוויי־און פאַרטיג! כ'וואָלט געוואָלט דאָרט זיין, כדי דיר ווייזען ווי מ'דרעהט דאָרט אַראָפּ דעם קאָפּ. צום טייפעל! כ'וואָלט זיך גערן אָפּגעזאָגט פון אַפּעלירען אויב זיי וועלען מסכים זיין מיך פאַרטיג מאַכען אינאיינעם מיט דיר. גלויב מיר, אַז איין גלח וואָלט געווען גע־נוג פאַר אונז ביידען. ווי דו זעהסט מיך, בין איך אַ גאַנץ גוטער מענש. נו, ס'געהט? כ'טוה עס נאָר מחמת פריינדשאַפט.

ער איז צוגעקומען נעהענטער צו מיר.

— כ'דאַנק אייך—האָב איך געזאָגט אָפּשטופענדיג איהם.

ער האָט אויסגעשאָסען מיט אַ נייעם געלעכטער.

— חאַ־חאַ! וואָס פאַר אַ גדלות! אפשר זענט איהר גאָר אַ גראַף?

— מיין פריינד — האָב איך איבערגעשלאָגען די רייד— לאָזט מיך צורוה. איך מוז מיך איצט בעדענקען, צוגרייטען...

מיין ערנסטער טאָן האָט אויף איהם געווירקט. ער האָט אַ שאָקעל געטהון מיט זיין גרויען, כמעט הוילען קאָפּ, האָט

אַיינגעגראָבען די האַנד אין דער נאַקעטער האָריגער ברוסט און האָט אַ מורמעל געטהון.

— כ׳פֿערשטעה, כ׳פֿערשטעה. אַ גלח...

דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿען מיט הכנעה.

— הערט נאָר אויס. אפשר זענט איהר באמת אַ גראַף. איהר טראָגט זעהר אַ שענעם ראָק. אַלץ איינס וועט איהר שוין פֿון איהם קיין נוצען ניט האָבען; ער וועט מסתמא אַריינפֿאַלען צום תליון אין די הענד. גיט איהם בעסער אָפּ מיר, איך וועל איהם פֿערקויפֿען און בעקומען טאַבאַק.

כ׳האָב אויסגעטהון מיין ראָק און איהם אָפּגעגעבען. ער האָט פֿאַר פֿרייד געפּאַטשט מיט די הענד ווי אַ קינד.

זעהענדיג, אַז איך שטעה אין איין העמד און ציטער, האָט ער געזאָגט:

— אַייך איז קאַלט, מיין הערר, ציהט אָן אָט דאָס. ס׳רעגענט און איהר וועט דורכגענעצט ווערען. אויסער דעם איז ניט לייטיש צו פֿאָהרען מיט אַזאַ אויסזעהען.

ער האָט אַראָפּגעצויגען פֿון זיך זיין רעקעל פֿון גראָבען, גרויהען לייווענט, און האָט איהם אָנגעטהון אויף מיר. כ׳האָב זיך ניט געוועהרט. צושפּאַרענדיג זיך צו דער וואַנד האָב איך בעטראַכט אָט דעם מענשען, וועלכער האָט אַרומגעקוקט דעם ראָק מיט אַ קינדערשער פֿרייד.

— די טאַשען זיינען אַלע נאָך ניי, אויך דער קראַגען איז ניט קיין סך אויסגעריבען. אַ פֿופֿצעהן פֿראַנק וועט מען געוויס געבען פֿאַר איהם. כ׳וועל האָבען גענוג טאַבאַק אויף אַלע זעקס וואָכען. הוליע ברודער!

די טיר האָט זיך געעפֿענט. מ׳איז געקומען נאָך אונז. מיך האָט מען אָפּגעפֿיהרט אינ׳ם חדר ווי די פֿערמשפּטע פֿאַרברייגען זייערע לעצטע שעה׳ן, איהם — אין ביסעטר. מיט אַ געלעכטער האָט ער זיך געשטעלט צווישען די וועכטער און זיך אָנגערופֿען צו זיי:

— זעהט נאָר, מאַכט קיין טעות ניט. מיר האָבען זיך

פֿערביטען נאָר מיט דער פֿעל. נעמט מיך ניט אויף זיין אָרט. צו אַלדע רוחות! איצט ווען איך האב אויף טאַבאַק קריכט עס מיר גארניט אין קאפּ.

XXIV.

אַלטער שד! ער האָט ביי מיר צוגענומען מיין ראָק און האָט מיר איבערגעלאָזט זיין שמוציגע שמאַטע, אָט דאָס אָב־געטראָגענע רעקעל. וואָס פֿאַר אַ פּנים האָב איך אין דעם?

ניט מיט מיין גוטען ווילען האָב איך איהם אפּגעגעבען דעם ראָק; ניט מחמת רחמנות אָדער לייכטזיניגקייט. ניין, פּשוט דערפֿאר ווייל ער איז שטאַרקער פֿון מיר. ווען איך ענטזאג איהם, וואלט ער מיך אפשר מכבד געווען מיט זיינע געזונטע הענד.

רחמנות! אין מיין הארץ זיינען געווען גסטע געער ד י־פֿיהלען צו איהם. איך בין, דאַכט מיר, געווען גערייט צו דער־שטיקען מיט מיינע הענד דעם אַלטען גנב און צוטרעטען איהם מיט מיינע פֿיס!

איך בין פֿול מיט כעס און פֿערביטערונג, גלייך ווי מיין גאַל וואָלט אין מיר געפּלאַצט. אָה, ווי שלעכט מאַכט אַ מענ־שען דעם טויט!

XXV.

מ׳האָט מיך איבערגעפֿיהרט אין אַ קערקער. פּוסטע פֿיער ווענט אַרום מיר, דערפֿאר אָבער זיינען פֿאראן פֿיעל גראטעס אין פֿענסטער און אַ סך ריגלען אין די טירען.

איך האָב געבעטען מ׳זאָל מיר אַריינברייננגען אַ טיש, אַ ביינקעל און שרייב־געצייג. מיין בקשה האָט געהאַט ערפֿאָלג.

דערנאך האָב איך געבעטען אַ בעטעל. דער וועכטער האָט מיך אָנגעקוקט, ווי איינער זאָגט: „צו וואָס?״;

דאָך האָט מען מיר אַריינגעשטעלט אַ בעט. תיכף האָט מען אַריינגעזעצט אין מ י י ן צ י מ ע ר, ווי זיי רופֿען עס, אַ זשאַנדאַר. זיי האָבען אַפּנים מורא אז איך זאָל זיך ניט דער־שטיקען מיט מיין מאַטראַץ.

XXVI.

שוין צעהן אַ זייגער.

אָה, מיין אָרעם קינד, אין זעקס שעה אַרום וועל איך שוין ניט זיין! מיין טויטער קערפּער וועט ליגען אין קליניק אויפ׳ן קאַלטען אָפּעראציאָנס־טיש. אויף איין אָרט דעם קאָפּ און אויף אַ צווייטען דער צושניטענער קערפּער. דערנאָך וועט מען אַלע שטיקלאַך צוזאַמענוואַרפֿען אין אַ קאַסטען און ערגעץ באַגראָבען.

אָט וואָס עס וועלען מאכען פֿון דיין פֿאטער מענשען, וואָס טראגען קיין שנאה ניט צו מיר אין זייערע הערצער, וואָס וואָלטען מיך אפשר גערעטעט ווען זיי זאָלען נאר קענען. דאָך הרג׳נען זיי מיך. דו פֿאַרשטעהסט עס, מאַריע? הרג׳נען מיט רחמנות, קאַלטבלוטיג, מיט אַ ריינעם געוויסען, מיט צערעמאָניע, צוליעב דעם גליק פֿון דער געזעלשאַפֿט. אָח, גרויסער גאָט!

אָרעם קינד מיינס! איך בין דיין פֿאָטער, וועלכען דו ליעבסט אַזוי שטאַרק, וועלכער האָט געקושט דיין קליינעם, ווייסען נאַקען, וועלכער האָט געגלעט דיינע זיידענע לאָקען, דיין קיילעכדיג פנימ׳על; דיין פֿאטער, אויף וועמענס קניע דו פֿלעגסט רייטען און וועלכער האָט אין אָוענד צונויפֿגעלעגט דיינע הענטעלעך אויף תפלה טהון.

ווער מאַכט דאָרט מיט דיר אָט אַלע זאַכען? ווער האָט דיך איצט אַזוי ליעב? אַלע קינדער האָבען פֿאָטערס אויסער דיר. ווי אַזוי מיין קינד, וועסטו זיך אויסלערנען צו בעגעהן זיך אָהן ניי־יאָהר מתנות, אָהן שפּיעלגעצייג און אָהן קושען? אפשר וועסטו אויך ניט האָבען וואָס צו עסען, אונגליקליכע יתומה?

אָה, ווען די געשוואָרענע וואָלטען געזעהען מיין קליינינקע מאַריע, וואָלטען זיי אפשר פֿערשטאַנען, ווי שרעקליך ס׳איז צו הרג׳נען אַ פֿאָטער פֿון אַ דריי־יעהריג קינד.

און אַז דו וועסט שוין אויסוואַקסען, וואָס וועט זיין פֿון דיר? גאַנץ פּאַריז וועט געדענקען דיין פֿאָטער. דו וועסט זיך

שעמען ווען מ׳וועט דערמאָהנען מיין נאָמען. דו וועסט זיין גע־האַסט צוליעב מיר, וועלכער ליעבט דיך מיט׳ן גאַנצען פֿייער פֿונ׳ם האַרצען. אָה, מיין קליין פייגעלע! איז דאָס אמת? וועסטוווירקליך טראַכטען פֿון מיר מיט שרעק און שאַנדע?

אונגליקליכער! וואָס פֿאַר אַ שרעקליכען פֿאַרברעכען איך בין בעגאַנגען און וואָס פֿאַר אַ שרעקליכען פֿאַרברעכען באַ־געהט איבער די גאַנצע געזעלשאַפֿט!

וועל איך באמת שטאַרבען היינט? אמת? איך?

דער טויבער טומעל פֿון עולם, וואָס רייסט זיך אַריין פֿון דרויסען, די לעבעדיגע בעוועגונג פֿון דער מאַסע, וואָס וואַרט מיט אונגעדולד, די פֿאָרבערייטונגען פֿון די זשאַנדאַרען אין די קאַזאַרמעס, דער גלח אין זיין שוואַרצען מאַנטעל, דער מאַן מיט די רויטע, בלוט בעפֿלעקטע הענד — איז דאָס אַלץ צו־ליעב מיר? איך דאַרף עס שטאַרבען? איך וועלכער זיצט דאָ ביים טיש, לעב, אָטהעם, פֿיהל און פֿארשטעה?

איך דאַרף היינט שטאַרבען?

XXVII.

ווען איך וואָלט וויסען ווי אזוי ס׳קומט פֿאר און ווי אַזוי איינער שטאַרבט דאָרט! ס׳איז אָבער שרעקליך... איך קען עס זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען.

וואָס פֿאַר אַ שרעקליכען נאָמען עס טראָגט!... איך וואונ־דער זיך, ווי אַזוי איך האָב ביז איצט גאָר געקענט שרייבען דערפֿון...

שוין די אותיות אַליין, זייער אויסזעהען רופֿען אַרויס שרעקליכע געדאַנקען. אפילו דער נאָמען פֿונ׳ם דאָקטאָר, וואָס האָט עס אויסגעטראַכט וואַרפֿט אַרויף אַ פחד.

דאָס בילד, וואָס וואַקסט פאר מיר אויס מיט דעם מורא׳־דיגען וואָרט, שטעלט פֿאָר עטוואס אונבעשטימטעס און דערפֿאַ־אי: עס נאך שרעקליכער... יעדע זילבע איז ווי אַ הלק פֿוו

דער מאַשין. יעדע מינוט שטעל איך צוזאמען און צעגליעדער די מורא'דיגע געביידע אין מיין פֿאנטאזיע.

איך שטעל קיינע פֿראגעס וועגען דעם. איך וואַג עס ניט צו טהון, אָבער דאָס ניט וויסען איז אַזוי פיינליך. מיר דאַכט, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ מין שטאַנג אויף וועלכען מ'לייגט זיך מיט'ן פנים אַראפּ...

אָה, גיהנם! די קאָפּ וועט וויים ווערען, איידער זי וועט פֿאַלען!

XXVIII.

כ'האָב זי שוין אַמאָל געזעהען.

איינמאָל, אין אַ פֿריה מאָרגען, בין איך פֿאַרבייגעפֿאָהרען אין אַ קאַרעטע דעם פלאַץ דע־גרעוו. פלוצלינג האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט.

כ'האב אַרויסגעקוקט דורכ'ן פֿענסטער און האָב דערזעהען אַ גרויסען עולם פֿון מענער, פֿרויען און קינדער. זיי האָבען זיך געשפּארט אַרום אַ פלאַטפֿארם פֿון רויטע האָלץ, ביי וועלכע דריי מענער האָבען געפּארעט.

דאָס איז געווען דער עשאַפֿאָט, וועלכער אַיז אויפֿגעשטעלט געוואָרען פֿאר אַ מאַן, וואָס מ'האָט אין יענעם טאָג געדאַרפֿט הינריכטען.—

איך האָב אָפּגעקעהרט מיין קאָפּ. איך האָב ניט געקענט קוקען דערויף.

אַ פֿרוי, וועלכע איז געשטאַנען נעבען מיין קאַרעטע, האָט זיך אָנגערופֿען צו אַ קינד:

— דאָס מעסער געהט ניט שנעל און זיי שמירען עס מיט חלב.

מעגליך אַז זיי טהוען אויך היינט דאָס זעלבע. זיי שמירען איצט דעם מעסער.

אָה, אונגליקליכער! היינט וועל איך שוין ניט קענען אָפּ־קעהרען דעם קאָפּ ווי דעמאָלט.

XXIX.

בעגנאַדיגונג! בעגנאַדיגונג!

אפשר וועט נאָך היינט אָנקומען מיין בעגנאַדיגונג? דער קעניג האָט גאָר ניט געגען מיר. זאָל מען גיכער ברייננגען מיין פֿערטיידיגער! דער פֿערטיידיגער, שנעל! זאָל שוין זיין קאַטאָרגע. יאָל זיין פינף יאָהר קאַטאָרגע, צוואַנציג... אייביגע קאַטאָרגע, אין קייטען... נאָר זאָלען זיי מיך לאָזען לעבען!

אין קאַטאָרגע, ווי שלעכט ס'זאָל ניט זיין, לעבט מען דאָך, מ'באוועגט זיך, מ'זעהט די זון!...

XXX.

דער גלח האָט זיך אומגעקעהרט.

ער איז אַנ'אַלטער מאַן מיט זעהר אַיין עדעלען אויסזעהען און אַ גוטער, פֿריינדליכער מענש. היינט אין דערפֿריה האָב איך געזעהען, ווי ער האָט אויסגעליידיגט זיין בייטעלע און אַוועקגעבען דאָס גאנצע געלד צו אַנ'אַרעסטאַנט. פֿאַר וואָס זשע ריהרען ניט זיינע ווערטער מיין נשמה? פֿאַרוואָס בלייבט מיין האַרץ קאַלט ווען ער רעדט?

אין דערפֿריה בין איך געווען גאַנץ נידערשלאָגען. איך האָב קוים געהערט וואָס ער רעדט צו מיר, און דאָך זיינען זיינע ווערטער אַזוי נוצלאָז און האָבען אויף מיר קיין אַיינדרוק ניט געמאַכט. זיי האָבען זיך אַראָפגעקייקעלט פֿון מיין נשמה, ווי קאַלטע טראָפּענס רעגען קייקלען זיך אַרונטער פֿון אַ שויב׳

נאָר ווען ער איז איצט אַריינגעקומען איז מיר געוואָרען לייכטער. ער איז דאָך איצט דער איינציגער מענש אויף דער וועלט, וועלכער איז איבערגעבליבען אַרום מיר. אַ ברענענדע לוסט האָט מיך אָנגענומען צו הערען פֿון איהם א פֿריינדליכען טרייסט־וואָרט.

מיר האָבען זיך ביידע אַוועקגעזעצט. ער אויפ׳ן ביינקעל און איך אויפ׳ן בעט.

— מיין זוהן — האָט ער אָנגעהויבען.

דאָס וואָרט האָט מיך געריהרט.

— מיין זוהן, גלויבסטו אין גאָט ?

— יאָ, פֿאָטער — האָב איך געענטפֿערט.

דאַן האָט ער אָנגעהויבען רעדען. ער האָט גערעדט אַ לאַנגע צייט. ער האָט אויסגענוצט אַ סך ווערטער. דערנאָך ווען ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט שוין גענוג גע־זאָגט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען, מיך בעטראַכט און אַ פֿרעג געטהון:

— נו ?

איך בין זיך מודה אַז איך צוערשט האָב איך איהם גע־הערט מיט אינטערעס, דערנאָך מיט אויפֿמערקזאַמקייט און צום סוף שוין מיט אונגעדולד.

איך בין אויפֿגעשטאַנען און זיך אָנגערופֿען:

— איך בעט אייך, לאָזט מיך איצט אַליין.

— ווען זשע זאָל איך נאָכאַמאָל אַריינקומען ? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך וועל אייך מודיע זיין.

ער איז אַרויסגעגאַנגען, ניט זאָגענדיג מעהר קיין וואָרט. ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, ווי איינער זאָגט:

„אונגלויביגער !"

ניין, אַזוי נידעריג בין איך נאָך ניט געפֿאַלען. גאָט איז מיין עדות אז איך גלויב אין איהם. אָבער וואָס האָט מיר דער אַלטער געזאָגט? קיין איינציג וואָרט, וואָס זאָל מיך ריהרען, וועלכעס זאָל ווייכער מאַכען די האַרץ און אַרויסרופֿען טרעה־רען. קיין וואָרט איז ניט אַרויס פֿון דער טיעפֿעניש פֿון זיין נשמה און דערפֿאַר האָט עס ניט געריהרט מיין נשמה. פֿאַר־קעהרט, איך האָב נאָר געהערט אַ סך אונבעשטימטע, אויפֿגע־בלאָזענע און אויסגעדראָשענע פֿראַזען. אַנשטאַט טיעפֿע געפֿיה־לען און ריהרענדע איינפֿאַכקייט, האָב איך אויסגעהערט אַ סאַנטימענטאַלע, פֿאַרבלאָזטע דרשה. לאַטינישע ציטאַטען פֿון אוגוסטינוס אָדער גרעגאָרי און אנדערע. ס'האָט אויסגעזעהען ווי ער וואָלט איבער'חזר'ען אַ לעקציע, דאָס צוואַנציגסטע מאָל.

קיין איינציגער וואַרעמער בליק, קיינע ווייכע נאָטען אין דער שטימע, קיין ריהרענדע בעוועגונג מיט דער האַנד.

און ווי קען עס גאָר אַנדערש זיין? דיעזער גלח איז דאָך אַנ'אָפיציעלע פערזאָן אין געפענגניש. זיין חוב איז צו בערוהיגען און צוגרייטען צום טויט, און ער לעבט דערפון. די פערשיקטע און פעראורטיילטע זיינען ניט מעהר ווי אַ מקור אויף צו פערדיענען. ער הערט אוים זייערר זינד, ער זאָגט מיט זיי ודוי, ווייל דאָס איז זיין פליכט. ער איז שוין אַלט געוואָרען ביי דעם געשעפט. ער איז שוין געוואוינט געוואָרען צו זאַכען, וועלכע רופען אַרוים ביי אַנדערע אַ שוידער. קאַטאָרגע און גיליאָטינע זיינען ביי איהם טעגליכע זאַכען. זיינע געפיעלען זיינען שוין לאַנג אָפגעשטאָרבען. ער פיהרט, מסתמא, אַ טאַגעבוך אין וועלכען ס'איז פאַרהאַן אַ לאַנגע רשימה פון קאַטאָרזשניקעס און פער'משפט'ע צום טויט. מ'גיט איהם צו וויסען מיט אַ טאָג פריהער וועמען ער דאַרף טרייסטען אינ'ם קומענדען טאָג, דאַן פרעגט ער זיך נאָך אויב דאָס איז אַ פערשיקטער אָדער צום טויט אַ פעראורטיילטער און די דרשה איז שוין פאַרטיג... ביי איהם זיינען אַלע אַלץ איינס — אַלע זיינען איהם פרעמד.

אָה, ווען אויף זיין אָרט וואָלט מען מיר ברייגען אַ יונגען מאָנאַך אָדער אַנ'אלטען גלח פונ'ם נאָהענסטען דאָרף; ס'מאַכט ניט אוים ווער ער איז, אַבי מ'זאָל איהם נאָר געפונען זיצענדיג אין חדר'ל איבער אַ בוך, גאָר ניט ערוואַרטענדיג און מ'זאָל איהם זאָגען:

— ס'איז דאָ אַ מענש, וואָס איז פעראורטיילט צום טויט און ער נויטיגט זיך אין אַ טרייסט וואָרט. איהר מוזט זיין נעבען איהם, ווען מ'וועט איהם בינדען די הענד, ווען מ'וועט איהם אָפשניידען די האָר; איהר מוזט ארויפגעהן מיט איהם אויפ'ן וואָגען, פאַרשטעלען איהם פונ'ם תליון, צוגרייטען איהם צום געדאַנק וועגען טויט, אונטערהאַלטען איהם ווען ער וועט אַרויף אויף דער גיליאָטינע, בלייבען מיט איהם צוזאַמען ביז

דער קאָפּ וועט ליגען אויף איין אָרט און דער קערפּער אויף אַ צווייטען.

ווי נעהם איך איהם איצט, אַזוי ווי איך זיץ מיט אַ קלאַפּענדעם האַרץ און אַלע מיינע אברים ציטערען. מיר וואָלטען זיך אַ וואָרף געטהון איינער אינ'ם צווייטענס אָרעמס; מיר וואָלטען געוויינט צוזאַמען און דאָס וואָלט מיך געשטאַרקט, עס וואָס מיר געגעבען טרייסט, גרינגער געמאַכט מיין האַרץ, געעפּענט מיין נשמה און זי וואָלט דאַן פֿעהיג געווען צו פֿיהלען אין זיך גאָט.

אָבער וואָס פֿאַר נוצען האָב איך פֿון דעם גוטען אַלטען? אַנ'אונגליקליך מענשעל, ווי א סך אַנדערע, וועלכע איך האָב באַגעגענט אין מיין לעבען; אַ שאָטען פֿון דעם מין, וועלכע איך האָב שוין אַזוי פֿיעל געזעהען, אַ יחיד צווישען דער גרויסער צאָהל פֿעראורטיילטע.

אפשר איז דאָס געווען אַנ'עולה פֿון מיר, וואָס איך האָב איהם אַזוי אָפּגעשטויסען פֿון זיך; ער איז אַ גוטער מענש און דער שלעכטער בין איך גאָר. וועה! ס'איז אָבער ניט מיין שולד. ס'איז מיין אָטהעם, דער אָטהעם פֿון אַ פֿעראורטהיילטען, וואָס בעשמוצט און בעפֿלעקט יעדע זאַך, וועלכע ער ריהרט נאָר אָן.

מ'האָט מיר נאָר וואָס געבראכט עסען. זיי גלויבען אַז איך האָב אַפּעטיט. דאָס עסען זעהט אויס נעשמאַק צו זיין; אַ געבראָטענע הון און נאָך עפּעס. כ'האָב געפּרופֿט עסען, אָבער דער ביסען האָט זיך געשטעלט אין האַלז. ס'האָט עפּעס אַ ביטערען, עקלהאַפֿטען טעם.

XXXI.

אַ מאַן איז צו מיר אַריינגעקומען מיט זיין הוט אויפֿ'ן קאָפּ; ער האָט פֿאַרבייגעהענדיג אַ וואָרף געטהון אַ קוק אויף מיר און האָט גענומען מעסטען דעם קערקער, אויסרופֿענדיג די צאָהלען אויף אַ הויכען קול. דער זשאַנדאַר האָט מיר דערנאָך ערקלעהרט, אַז דער איז אַיין ארכיטעקט און איז בעשעפֿטיגט מיט איבערבויען די טורמע.

ער האָט זיך פֿעראינטערעסירט צו וויסען ווער איך בין און האָט שטיל געפֿרעגט דעם וועכטער, וואָס האָט איהם באגלייט, וועגען מיר. דערנאָך האָט ער מיך בעטראַכט, האָט גלייכגילטיג אַ טרייסעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט.

ווען ער האָט געענדיגט, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט זיך אָנגערופֿען מיט זיין פֿעסטער שטימע:

— אין אַ האַלב יאָהר אַרום וועט די טורמע גאַנץ אַנדערש אויסזעהען, מיין פֿריינד.

דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ בעוועגונג מיט זיין האַנד, ווי ער וואָלט זאָגען:

— שאַדע, וואס איהר וועט שוין ניט קענען זיין דאָ, אום הנאה צו האָבען דערפֿון.

ער האָט אויסגעזעהען כמעט פֿריילִיך. מיר האָט זיך אלץ נעדאַכט, אַז ער האָט חשק צו ווייצלען זיך אויף מיין רעכנונג, פֿון יענעם סאָרט וויצען וואָס מ׳ערלויבט זיך צו מאַכען איבער אַ כלה אין דער חתונה נאַכט.

מיין זשאַנדאַר איין אַלטער סאָלדאַט האָט זיך אָנגערופֿען צו איהם.

— מיין הערר, אַזוי הויך רעדט מען ניט אין אַ טוידטען־שטיבעל.

דער אַרכיטעקט איז אַרויסגעגאַנגען.

איך בין איבערגעבליבען, ווי איינער פֿון די שטיינער, וועלכע ער האָט נאָר וואָס געמאָסטען.

XXXII.

מיט מיר האָט פּאַסירט עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס.

דעם אַלטען, גוטען זשאַנדאַר, וואָס איז געווען מיט מיר, האָט מען צוריקגערופֿען, זיין פּלאַץ האָט פֿערנומען אַ צווייטער מיט נאַרישע תמוואַטע אויגען און אַ אידיאָטיש פּנים.

אייגענטליך האָט ער מיך גאַנץ ווייניג אינטערעסירט. כ׳האָב מיך געזעצט מיט׳ן רוקען צו דער טיר און מיינע קאַלטע

הענד האָב איך צוגעלייגט צום שטערן. מיינע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטעט.

פּלוצלינג האָב איך דערפּיהלט ווי עמיצער האָט בעריהרט מיין פּלייצע. כ'האָב אויסגעדרעהט מיין קאָפּ. דאָס איז געווען דער נייער זשאַנדאַר.

ער האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט פאָלגענדע ווערטער:

— הערט אַיִם, פֿערמשפּט'ער, האָט איהר אַ גוט האַרץ?

— ניין, — האָב איך געזאָגט.

מיין שטריינגער ענטפֿער האָט איהם געבראַכט אַביסעל אין פֿערלעגענהייט, דאָך האָט ער פֿאָרטגעזעצט.

— אַ מענש זינדיגט ניט פֿון נחת!

— פֿאַר וואָס ניט? — האָב איך געפֿרעגט אויב איהר האָט מעהר ניט וואָס צו זאָגען מיר, דאַן לאָזט מיך צורוה.

— ענטשולדיגט מיר, בלויז צוויי ווערטער — האָט ער זיך אַנגערופֿען — אויב איהר וואָלט קענען גליקליך מאַכען איין אָרעמען מענשען און אויב דאָס וואָלט אַייך ניט געקאָסט קיין מיה, וואָלט איהר עס געטהון?

איך האָב געקוועטשט מיט די אַקסלען.

— ועמען קען איך שוין גליקליך מאַכען?

ער האָט אָנגעהויבען רעדען גאַנץ שטיל, זיין פּנים איז געווארען געהיימנים-פֿול און דעריבער אויך מעהר נאַרישער.

— יאָ, איהר זייט אימשטאַנד צו מאַכען גליקליך און רייך. ווי איהר זעהט מיך, בין איך אַנ'אָרימער זשאַנדאַר. די אַרבייט איז זעהר שוועהר און דאָס געהאַלט איז קליין. דערצו מוז איך אַליין אויסהאַלטען דעם פֿערד און דאָס רואינירט מיך. איצט האָב איך גענומען אַ לאָטעריע-צעטעל, טאָמער וועט דערפֿון עפּיס אַרויס, אָבער ס'געהט ניט.

וואַרט אויס אַ ווײלע, איך בין באַלד פֿאַרטיג, היינט האָב איך אַ גוטע געלעגענהייט. איהר, פֿערברעכער, ענטשול-דיגט מיר, געהט דאָך היינט שטאַרבען. און ס'איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז דיעזע וואָס שטאַרבען אויף אַזא נ'אופן, ווי איהר,

קאָנען פֿאָראויסזאָגען דעם נומער וואָס דאַרף געווינען. זייט מיר מבטיח, כ׳בעט אַייך, צוקומען מאָרגען ביינאַכט. וואָס וועט עס אייך אַרען? זאָגט מיר דריי נומערען, וואָס דאַרפֿען געווינען, דריי גליקליכע נומערען. נו, וואָס זאָגט איהר? זייט רוהיג, אַז איך שרעק מיך ניט פֿאַר מתים. אָט האָט איהר מיין אַדרעס. מיין טיר איז די לעצטע אין קאַרידאָר איהר וועט דאָך מיך דערקענען, ניט אַזוי? איהר קאָנט אפילו היינט קומען, אויב אַייך איז בעקוועמער.

איך האָב געדאַרפֿט ענטפֿערען מיט פֿעראַכטונג אויף די נאַרישקייטען, ווען פלוצלינג זאָל מיר ניט אַ בליץ טהון אין מח אַ משוגענע האָפֿנונג. איך מיין פֿערצווייפֿעלטער לאַגע אין וועלכער כ׳האָב זיך געפֿונען, האָב איך געוואָלט זיך אָנחאַפּען אין אַ שטרוי.

— הערט נאָר אויס, האָב איך זיך אָנגערופֿען צו איהם, איך קאָן אַייך רייכער מאַכען פֿונ׳ם קעניג; איך קאָן אַייך ווייזען אַ וועג ווי צו געווינען מיליאָנען, אָבער מיט איין בעדינגונג.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע תמוואטע אויגען.

— וואָס פֿאַר אַ בעדינגונג? וואס? וואָס פֿערלאַנגט איהר?

— איך בין אייך מבטיח ניט דריי נומערען נאָר פֿיער, פֿיער זאָג איך אייך צו, נאָר בייט זיך איבער מיט מיר מיט די קליידער.

— דאָס איז גאָר? האָט ער זיך אָנגערופֿען, און האָט אָנגעהויבען אַראָפּציהען זיין מונדיר.

איך בין אויפֿגעשפּרונגען פֿון מיין פּלאַץ. איך האָב באַגלייט זיין יעדע בעוועגונג מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ.

ס׳האָט זיך מיר שוין פֿאָרגעשטעלט, ווי די טירען פֿון געפֿענגניש עפֿענען זיך פֿאַר מיר. איך וועל אַרויס פֿון דאַנעט און דאָס געפֿענגניש, די גאַסען, דער מאַרק און דער פּאַלאַץ פֿון פֿון גערעכטיגקייט — אַלעס הינטער מיר!

ער האָט מיר אַמאָל זיך אויסגעדרעהט און געקוקט אויף מיר מיט חשד.

איהר וועט ניט אַנטלויפֿען פֿון דאַנעט!

— איך האָב בעגריפֿען, אַז אַלץ איז שוין פֿערלוירען. דאָך האָב איך געמאַכט די לעצטע פּראָבע, וויסענדיג אַז זי איז נוצלאָז און איבעריג.

— וואָס אַרט עס אייך? אַבי איהר וועט רייך ווערען...

ער האָט מיר איבערגעשלאָגען די רייד:

— אָה, ניין! וואָס וועט דאַן זיין מיט מיינע נומערען? אום זיי זאָלען געווינען, מוזט איהר דאָך שטאַרבען.

כ'האָב זיך צוריק געזעצט אויף מיין אָרט א האָפֿנונגס־לאָזער און גאַנץ נידערשלאָגען.

XXXIII.

כ'האָב זיך געלייגט אויפֿ'ן בעט, פֿערמאַכט די אויגען מיט די הענד און זיך בעמיהט צו פֿערגעסען די געגענוואַרט דורך זכרונות פֿון דער פֿערגאַנגענהייט.

זכרונות פֿון מיין קינדהייט אין יוגענד זיינען אויסגעוואַק־סען פֿאַר מיר איינע נאָך דער אַנדערע, ליכטיגע, איידעלע און רוהיגע, ווי בלומען אויפֿ'ן שוואַרצען שטח פֿון פֿינסטערע גע־דאַנקען, וואָס מוטשען מיין מח אָהן אַנ'אויפֿהער.

איך זעה מיך ווידער אַלס קינד, א פֿרעהליכער, געזונ־טער חדר־יונגעל, אַרויסלויפֿענדיג מיט מיינע ברידערלאַך אויף די ברייטע, בעוואַקסענע סטעזשקעס פֿונ'ם אונבעאַרבייטען גאָרטען.

שפּעטער מיט פֿיער יאָהר, נאָך אַלץ א קינד, אָבער שוין פֿערחלומט, מיט א ליידענשאַפֿטליכער נשמה.

דאָרט, אינ'ם איינזאַמען גאָרטען, איז דאָ א שפּאַניש מיידעלע מיט גרויסע אויגען, געדיכטע האָר, גאָלד־ברוינע הויט, רויטע ליפּען מיט א פֿאַרב אין די באַקען, זי איז אַלט פֿערצעהן יאָהר און הייסט פּעפּא.

אונזערע מוטערס האָבען אונז ערלויבט צו געהן שפּילען צוזאַמען. מיר שפּאַצירען און פֿיהרען א שמועס. מיר זיינען קינדער פֿונ'ם זעלבען עלטער, אָבער ניט פֿונ'ם זעלבען געשלעכט.

ס'איז נאָך, דאַכט זיך, קיין יאָהר ניט פאַריבער, זייט מיר זיינען ביידע אַרומגעלאָפען, זיך געשפּיעלט, געצאַנקט. איינמאָל האָבען מיר זיך געשלאָגען איבער עפּעל, א צווייטען מאָל — איבער אַ פויגעל נעסט. זי האָט געוויינט. איך האָב מיך גער־רייצט: „אַ מצוה אויף דיר!״ — און מיר זיינען אַוועק זיך בעקלאָגען פאַר אונזערע מוטערס, וועלכע האָבען אונז ביידען געמוסרט, חאָטש יעדע האָט זיך געטראַכט פאַר זיך אַז איהר קינד איז גערעכט.

איך דערמאַהן מיך, ווי זי שפּאַצירט מיט מיר, אָנשפּאַ־רענדיג זיך אויף מיין אָרעם, און איך בין שטאָלץ און אויפגער־רעגט. מיר געהען לאַנגזאַם און רעדען שטיל. זי פערלירט איהר נאָז־טיכעל; איך הייב עס אויף. אונזערע הענד באַגעגענען זיך און ציטערען.

זי רעדט וועגען קליינע פויגעלעך, איבער די שטערען פון אויבען, איבער דער גאָלדענער זון, וואָס זעצט זיך אונטער די בוימער, איבער איהרע חבר'טעס, קליידער און בענדלעך. מיר רעדען איבער גאַנץ אונשולדיגע זאַכען און ווערען ביידע רויט. דאָס מיידעלע הויבט זיך שוין אָן צו ענטוויקלען אַלס פרוי.

איינמאָל אין אַ זומער אָוונד, זיינען מיר ביידע געזעסען אונטער אַ קאַשטאַנען בוים, טיעף אין גאָרטען. נאָך אַ לאַנגער פויזע, האָט זיך אָפּגעלאָזט מיין האַנד און האָט זיך אָנגערופען.

— לאָמיר לויפען!

זי האָט זיך געלאָזט לויפען פאָראויס מיט איהר שלאַנקער פיגור, מיט איהרע קליינע פיסעלאך, וועלכע האָבען זיך אַרויס־געזעהן פון דעם קורצען קלייד. איך האָב זי נאָכגעיאָגט און זי איז געלאָפען שנעלער. דער ווינד האָט אויפגעהויבען איהר מאַנטעל און געצייגט איהר ברוינע, פרישע האַלז.

איך בין גליקליך. כ'האָב זי אָנגעיאָגט ביים אַלטען, רואי־נירטען ברונעם, אַרומגענומען און אַוועקגעזעצט. זי האָט זיך ניט געוועהרט. זי האָט שוועהר געאָטהעמט און געלאַכט. איך בין

געוועזן ערענסט און אַריינגעקוקט אין איהרע שוואַרצע אויגען, וועלכע זיינען בעשיצט געוועזן מיט לאַנגע, שוואַרצע וויהעס.

זעצט אייך — האָט זי געזאָגט — עס איז נאָך ליכטיג; לאָמער עפּעס לייענען; האָסטו אַ בוך?

איך האָב מיטגענומען די צווייטע טהייל פֿון „ספּאלאנזא'ס רייזען". איך האָב אויפֿגעמאַכט דעם בוך און זיך געזעצט נעבען איהר. זי האָט אָנגעשפּארט איהר אַקסעל אָן מיינעם און מיר האָבען געלעזען יעדער פֿאַר זיך. זי האָט געלעזען שנעלער און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיגען און איבערמישען דאָס בלעטעל.

— האָסטו שוין געענדיגט? פֿלעגט זי פֿרעגען ווען איך האָב ערשט אָנגעהויבען צו לייענען.

אונזערע קעפּ האָבען זיך אָנגעריהרט, אונזערע האָר האָבען זיך צוזאַמענגעמישט און מיט אַמאָל האָבען זיך אונזערע ליפּען באַגעגענט.

ווען מיר האָבען ווידער גענומען לייענען, האָבען זיך שוין באַוויזען שטערען אויפֿ'ן הימעל.

— אוי, מאַמע! ווען דו זאָלסט וויסען ווי מיר זיינען געלאָפֿען, — האָט זי געזאָגט, אַריינקומענדיג אין הויז.

איך האָב געשוויגען,

— וואָס שווייגסטו? — זאָגט מיר מיין מוטער — וואָס זעהסטו אויס אַזוי אומעטיג?

זי האָט ניט געוואוסט אז איך פֿיהל בשעת מעשה דעם גן־עדן אין מיין האַרץ.

ס'איז געוועזן אַן'אָווענד, וועלכען איך וועל ניט פֿאַרגעסען אויף מיין גאַנץ לעבען.

יאָ, מיין גאַנץ לעבען;

XXXIV.

דער זייגער האָט נאָר וואָס געשלאָגען. וויפֿיעל? איך וויים ניט. עס קלונגט מיר אין מיינע אויערען, ווי אַן'אָרגאַן וואָלט

דאָרט שפּיעלען. דאס זשומען, וואַהרשיינליך, מיינע לעצטע געדאַנקען.

אין דער צייט וואָס איך קוק צוריק אויף מיין פערגאנגענהייט, דערמאָן איך זיך אין מיין פאַרברעכען מיט שרעק. מיין האַרץ איז פול מיט חרטה. נאָכן אורטייל בין איך געווען פאַרנומען מיט דעם געדאַנק וועגען טויט און פאַר אַנדערע געדאַנקען איז קיין פלאַץ ניט געבליבען. איצט האָב איך ווידער אָנגעהויבען פיהלען אַ שרעקליכע חרטה.

אָבער ווען איך רייס מיך אָפּ פון די יוגענד זכרונות און טראַכט ווידער ווי מיין לעבען דאַרף זיך באַלד ענדיגען, נעמט מיך אן אַ שוידער, גלייך ווי איך האָב נאָך גאָר ניט געטראַכט ביז איצט וועגען דעם.

אָה, מיין שענע קינדהייט, מיין פראַכטפאָלע יוגענד! גאָלדענע חלומות פון אָנפאַנג און אַזא בלוטיגער סוף. די ערשטע טעג זיינען אָבגעטיילט פון די לעצטע מיט אַ טייך בלוט, מיין בלוט און דאָס בלוט פון אַ צווייטען.

אויב עמיצער וועט דורכלעזען מיין לעבענס-בעשרייבונג, וועט ער בשום אופן ניט וועלען גלויבען אַז די יאָהרען פון רוהע און גליק האָבען זיך געענדיגט מיט אַזאַ שרעקליכען יאָהר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ פערברעכען און געענדיגט מיט טויט שטראָף. דאָס איז אַזוי אונגלויבליך.

אָה, איהר שלעכטע געזעצען, איהר אָרעמע מענשעלאַך! איך בין דאָך קיין מערדער.

ווי ווילד איז דער געדאַנק, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך מוזען שטאַרבען. ערשט מיט איין יאָהר צוריק בין איך געווען פריי, האָב אַרומגעשפּאצירט מיט אַ ריינעם געוויסען איבער וועלדער, געטראָטען מיט די פיס די פאַלענדע בלעטער אים הערבסט.

XXXV.

אין דעם איצטיגען מאָמענט קאָכט אַרום מיר דאָס לעבען, וויפיעל מענשען, אַרום דעם פלאַץ „דע גרעוו" און אין יעדער

פאַריזער ווינקעל, געהען אַרום פריי, רעדען, לאַכען, לייענען ציימונגען און טראַכטען וועגען זייערע געשעפטען. סוחרים קויפען און פערקויפען, מיידלעך גרייטען צו זייערע קליידער פאַר'ן באַל, מוטערס שפּיעלען זיך מיט זייערע קינדער.

XXXVI.

איך האָב זיך דערמאָהנט, ווי איינמאָל, אַלס קינד, בין איך געגאַנגען אָנקוקען דעם גלאָק פון נאָטערדאַם.

דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרעהט פון קלעטערען אויף די ענגע געדרעהטע טרעפּ, פון דורכגעהן די קאָרידאָרען, וועלכע בינדען צוזאַמען די צוויי טהורעמס, פון'ם אַרונטער־קוקען אויף פאַריז, וועלכער איז געוועזען אויסגעשפּרייט אונטער מיינע פיס. ענדליך בין איך אַריין אין אַ מין שטייג אין וועל־כען ס'איז געהאנגען דער גלאָק מיט זיין מורא'דיג גרויסען צונג.

איך האָב געטראָטען איבער דעם הילצערנעם שלעכט־געלייגטען פאל און האב בעטראַכט דעם בעריהמטען גלאָק. איך האָב געקוקט מיט פּחד דורכ'ן פענסטער אַראָפּ; די מענ־שען האָבען פון דאָרט אויסגעזעהען ווי אַרומקריכענדע מוראַשקעס.

פלוצלינג האָט דער גרויסער גלאָק אָנגעהויבען קלינגען. ס'האָט אַ ציטער געטהון די לופט און דער פאַל האָט אָנגע־הויבען זיך טרייסלען. איך בין שיער ניט אומגעפאַלען. מיך האָט אָנגענומען אַזאַ פּחד, אַז איך האָב זיך אַוועקגעלייגט, זיך אָנגעחאַפּט מיטביידע הענד אָן די ברעטער. פאַר מיינע אויגען האָט זיך געעפענט אַ טיעפער אָבגרונד אויף וועלכען ס'האָבען שטיל געשפּאַצירט הין און צוריק רוהיגע מענשען.

אויך איצט דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אויפ'ן טהורעם. איך בין צומישט און צוטומעלט. אַ קלאַנג פון גלעקער איז אין מיין קאָפּ. איך זעה שוין ניט מעהר אַרום זיך דאָס שטילע, פריידליכע לעבען. ס'האָט זיך אָבגערוקט פון מיר ווייט, ווייט, אין דער טיעפעניש פון'ם אָבגרונד.

XXXVII.

גרויזאַם זעהט אויס די געביידע „דע וויל".

מיט איהר שאַרפֿען, געדרעהטען דאַך, מיט איהר טהורעם און גרויסען, ווייסען זייגער, מיט איהרע קאָלאָנען, מיט די פֿיעל פֿענסטער און אויסגעטראָטענע טרעפּ — זעהט זי אויס ווי אַ מין הקדמה צום פּלאַץ „דע גרעוו", אַ בייזע געביידע איז דאָס, אַ שוואַרצע און אַנ'אַלטע; אַ בייזע אפילו ווען די זון שיינט.

אין אַ טאָג פֿון הינריכטונג, וואַרפֿען אַרויס איהרע טירען פֿון זיך אַ מחנה זשאַנדאַרען און די פֿענסטער קוקען אויף אַלעם גלייכגילטיג מיט זייערע גלעזערנע אויגען.

און ביינאַכט שטעהט זי אַ פֿינסטערע, נאָר דער זייגער איז בעלויכטען און דאָס מאַכט זי נאָך פֿינסטערער.

XXXVIII.

ס'איז שוין אַ פֿערטעל נאָך איינס.

מיין קאָפּ טהוט מיר שטאַרק וועה, מיינע אברים ציטערען פֿאַר קעלט און מיין מח ברענט. יעדעס מאָל ווען איך הויב זיך אויף, אָדער בויג זיך אָן, פֿיהל איך ווי עפּעס פֿליסענדעס שווימט אַרום אין מיין קאָפּ און דריקט מיין שאַרבען גלייך ווי מיין מח איז אין מיר צעגאַנגען געוואָרען.

יעדע ווײלע טרייסעלט זיך מיין קערפּער קאָנוואולסיוו אַזוי אַז די פֿען פֿאַלט אַרויס פֿון מיין האַנד.

מיינע אויגען שמאַרצען ווי פֿון אַ רויך און די עלענבויגענס טהוען מיר וועה.

נאָך צוויי שעה מיט דריי פֿערטעל וועט זיך אַלעס ענדיגען.

XXXIX.

מ'זאָגט, אַז דער טויט איז אַ גרינגער, מ'פֿיהלט קיינע ליידען.

וואָס אָבער וועגען דער זעקסוואָכעדיגער גסיסה, און דיער־זער צאַפּלען זיך פֿונ׳ם לעצטען טאָג?

און די אונבעשרייבליכע אַנגסט פֿון די טעג, וואָס אַמאָל ציהען זיי זיך גאָר אַ סוף און אַמאָל געהען זיי פֿאַרביי נאָך איידער מ׳קוקט זיך אַרום? און די מאָראַלישע יסורים וואָס פּייניגען און מאַטערען פֿאַר דעם עשאַפֿאָט?

און זיי רעדען זיך נאָך איין אַז מ׳פֿיהלט קיינע ליידען

איז דען ניט אַלץ איינס שרעקליך ווען דאָס בלוט פֿון קערפּער קאַפּעט טראָפּענווייז, אָדער ווען אינ׳ם פֿערשטאַנד לעשען זיך די געדאַנקען איינע נאָך די אַנדערע.

און איבערהויפּט, ווי אַזוי קאָנען זיי זיכער זיין אַז מ׳פֿיהלט קיינע פֿיזישע ליידען? ווער האָט זיי דאָס דערצעהלט? האָבען דען די פֿערבלוטיגטע, אָבגעהאַקטע קעפּ אַמאָל זיך אַרויסגערוקט פֿונ׳ם קארב און אויסגעשריען: „ס׳איז אַ גאַנץ פֿיינע ערפֿינ־דונג; בענוצט עס אָפֿט, ווייל עס קאָן בעסער ניט זיין!״

אפשר האָט זיי ראבעספיער געזאָגט? האָט עס געזאָגט לואים דער פֿערצעהנטער?

חלילה! ס׳געדויערט דאָך איין סעקונדע, אַ מאָמענט און די זאַך איז פֿאַרטיג!

האָבען זיי אָבער געפּרובט, האָטש אין זייער פֿאַנטאַזיע׳ זיך פֿאָרשטעלען אויפֿ׳ן אָרט פֿונ׳ם הינגעריכטעטען, ווען דער שוועהרער מעסער פֿאַלט, האַקט אַ לעבעדיגען קערפּער, שניידט נערוועז און ברעכט דעם רוקען־ביין?

עה, וואָס! אַ מין סעקונדע און אַלעס איז פֿאַרטיג...

שרעקליך!

XL.

מערקווירדיג! דער קעניג קומט מיר אַלע מאָל אַרויף אויף זינען. איך בעמיה מיך אַוועקטרייבען פֿון זיך דעם גע־דאַנק, אָבער אַ קול שעפּטשעט מיר אַלע מאָל אין מיינע אויהערען.

„אין דער זעלבער שטאָדט, ניט ווייט פֿון דאַנעט, אין

אַנ'אַנדער פּאַלאַץ, וואו עס שטעהען אויך שומרים ביי די טירען, איז פֿאראַן אַ מאַן, וועלכער אַזוי ווי דו שטעהט אַליין צווישען די מענשען וואָס רינגלען איהם אַרום. דער חלוק פֿון דיר ביז איהם איז, וואָס ער איז אַזוי הויך ווי דו נידעריג, זיין גאַנץ לעבען, יעדע מינוט איז פֿול מיט כבוד, גלאַנץ, פֿרייד, פֿערגניגען. ער איז אַרומגערינגעלט מיט ליעבע, און כבוד. די שטאָלצסטע קעפּ בויגען זיך פֿאַר איהם, די העכסטע שטימען רעדען מיט הכנעה אין זיין געגענוואַרט. אַלץ, אויף וואָס זיין אויג שטעלט זיך אָפּ, איז געמאַכט פֿון זייד און גאָלד. אין אין דיזען מאָמענט האַלט ער זיך אפשר אנ'עצה מיט זיינע מיניסטאָרען, וועלכע זיינען שטענדיג גרייט צו ערפֿיהלען זיינע בעפֿעהלען; עס קאָן זיין אז ער טראַכט פֿון זיין מאָרגענדיגען יאַגד, אָדער וועגען אַוועַנד באַל, זייענדיג איבערצייגט, אַז אלעס געהט צו ווי ער פֿערלאַנגט, און אַלע טהוען זיין ווילען.

אָבער דער מאַן איז דאָך פֿון פֿלייש און בלוט ווי דו ס'איז גאַנץ גענוג אַז ער זאָל אונטערשרייבען זיין נאָמען און אין איין אויגענבליק וועט די תליה פֿערניכטעט ווערען, ער קאָן מיט איין וואָרט דיר שענקען דאָס לעבען, פֿרייהייט, פֿאַר־מעגען.

מעגליך אַז ער וועט באַגעגענען דיין טויטען וואָגען איז גאַס! ער איז דאָך אַ נוטעֶר, פֿריינדליכער מענש. וואָס וואָלט ער פֿאַרלירען, אָבשטעלענדיג דעם וואָגען?"

ניין, ס'איז מעהר ניט ווי אַ פוסטער חלום!

XLI.

מ'מוז זיך אָננעהמען מיט מוטה! מ'דאַרף אָהן שרעק אַריינקוקען דעם טויט גלייך אין פנים; מ'מוז איהם גוט בעטראַכטען, אויסגעפֿונען דעם טיעפֿען סוד פֿונ'ם קאַלטען קבר.

מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי שנעל ווי מיינע אויגען וועלען פֿערמאַכט ווערען, וועל איך דערזעהען אַסך ליכט, אַ ים פֿון ליכט. ס'וועלען זיך גיסען טייכען ליכט איבער מיין נשמה און

ס׳וועט מיך פֿערטראָגען ווייט־ווייט. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל דערזעהען אַ הימעל, ניט אַזאַ ווי מיר זעהען שטענדיג, — אַ שוואַרצען אָבגרונד מיט העלע שטערען. דער הימעל אַליין וועט גיסען פֿון זיך ליכט אַזוי פֿיעל, אַז די שטערען, וועלען אויסזעהן ווי שוואַרצע פֿלעקען אויף אַ גאָלדענער דעק.

און אפשר איז דאָס אַ טעות! מעגליך אַז ס׳וועט זיך עפֿענען פֿאַר מיר אַ טיעפֿער, פֿינסטערער אבגרונד, וואו איך וועל אייביג בלאָנזען צוזאַמען מיט אַנדערע גייסטער.

אָדער אפשר, ווען איך וועל אויפֿוואַכען נאָכ׳ן טויט קלאַפּ, וועל איך זיך געפֿינען אויף אַ פֿייכטער, גליטשיגער אויבערפֿלעכע איך וועל זיך דראַפּען אין דער פֿינסטער אַרויף און וועל אַלע מאָל זיך אַראָפּקייקלען צוריק. מיך וועט זיך דאַכטען, אַז אַ שטורם־ווינד טראָגט מיך און איך וועל זיך אָנשלאָגען מיט אַנדערע קעפּ. עס וועלען רינען בלאָטיגע און וואַרעמליכע שטראָמען, איך וועל אין זיי זונקען אין דער פֿינסטערניש. מיינע אויגען וועלען קוקען צום הימעל און ער וועט זיין שוואַרץ, געדיכט און פֿאַררויכערט. נאָר צייטענווייז וועלען זיך ווייזען אין דער פֿינסטערניש קליינע, רויטע פֿלעקען, וועלכע וועלען אויסזעהען פֿון דער נאָהענט ווי פֿייערדיגע פֿויגעל. און אַזוי וועט עס זיך ציהען אייביג, אייביג.

מעגליך, אַז אין אַ בעשטימטער שעה, אין אַ פֿינסטערער ווינטערנאַכט, וועלען אַלע, די וואָס זיינען אומגעקומען אויפֿ׳ן פלאַץ „דע גרעוו״, זיך צוזאַמענטרעפֿען אויפֿ׳ן מאַרק. צווישען דער מאַסע בלייכע שאָטענס וועל איך זיך אויך געפֿונען. „דע וויל״ וועט דאָרט שטעהן מיט זיינע אַלטע פאסאדען, מיט זיינע קרומע דעכער און מיט זיין זייגער, וועלכער וועט שלאָגען די טייפֿערשע שעה. דאָרט וועט מען אויפֿשטעלען דעם גיהנום׳דיגען עשאַפֿאָט און אַ שד וועט הינריכטען דעם הענקער. דאַן וועלען מיר זיך צוגעהען יעדער אין זיין רוהע.

אַזוי ווערט עס מסתמא פּאַסירען. אָבער אויב די טויטע קעהרען זיך אום, וואָס זשע פאַר איין אויסזעהען האָבען זיי? וואָס ווערט נצול פוּנ'ם צוּריסענעם, צוּמזיק'טען גוּף? איז דאָס דער קאָפּ אָדער דער קערפּער? און וואָס ווערט פוּן דער נשמה? וואָס פאַר אַ פאָרם מאכט פוּן איהר דער טויט? וואָס נעמט ער ביי איהר צוּ און וואָס לאָזט ער איהר איבער? האָט די נשמה דערנאָך אויגען אום צוּצוּזעהען וואָס סקוּמט פאָר אויף ד'רערד און באַוויינען זי?

אַ גלח, אַ גלח, וואָס קאָן מיר אויף מיינע פראגען ענט־פערען! איך וויל אַ גלח אום ודוי צוּ זאָגען!

מיין גאָט! ווידער דאָס זעלבע!

XLII.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטהוּן אין בעט און בין תיכף אַיינגעשלאָפען.

דאָס איז געווען מיין לעצטער שלאָף אויף דער וועלט.

מיר האָט זיך געחלוּמ'ט אַז ס'איז נאַכט. איך בין גע־זעסען אין מיין קאַבינעט מיט אַ פאָר פריינד. איך וויים ניט, ווער זיי זיינען געווען.

מיין פרוי איז געשלאָפען מיט'ן קינד אינ'ם צווייטען חדר.

איך מיט מיינע פריינד האָבען גערעדט שטיל און וועגען שרעקליכע זאַכען.

פלוּצלוּנג האָב איך דערהערט אַ שוואַכען, מאָדנעם שאָרך אין די צימערען פוּן הויז.

מיינע פריינד האָבען עס אויך געהערט. מיר האָבען זיך אַלע אָנגעשטריינגט. ס'האָט אויסגעזעהען, ווי עמיצער עפענט שטיל אַ שלאָס, אָדער פיילט אַנ'אייזען.

דאָס בלוּט איז פערקיהלט געוואָרען אין אוּנזערע אָדע־רען פאַר שרעק. מיר האָבען גערעכענט אַז אַ באַנדע רויבער האָבען געמאַכט אַנ'אָנפאַל.

מיר האָבען בעשלאָסען נאָכצוּזוּכען.

איך האָב גענומען אַ ליכט און געגאַנגען פֿאָראויס. מיינע פֿריינד זיינען מיר נאָכגעגאַנגען איינציגווייז.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם שלאָפֿצימער. מיין פֿרוי און קינד האָבען געשמאַק געשלאָפֿען.

מיר זיינען אַריין אין זאַל. דאָרט איז גאָר ניט געווען. די בילדער האָבען, ווי געוועהנליך, אַרויסגעקוקט פֿון זייערע גאָלדענע ראַמען.

מיר האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז די טיר וואָס פֿיהרט אין עס־צימער איז צועפֿענט ניט ווי געוועהנליך. מיר זיינען אַריין און מיר האָבען אויך בעקוקט דעם עס־צימער.

איך בין געגאַנגען פֿאָראויס. די טיר, וואָס פֿיהרט צו די טרעפּט, ווי אויך די פֿענסטער, זיינען געווען פֿערשלאָסען.

ווען איך בין צוגעקומען צום אויווען, האָב איך באמערקט אַז די שאַפֿע איז גאַנץ אָפֿען.

דאָס האָט אונז אַלעמען פֿערוואונדערט. מיר האָבען געג־לויבט, אַז עמיצער בעהאַלט זיך אונטער דער אָפֿענער טיר.

איך האָב אָנגענומען די טיר אום צו פֿערמאַכען זי, האָט זיך די טיר צוריקגעהאַלטען. איך האָב אַ שטאַרקערען ציה געטהון, האָט זי זיך מיט אַ מאָל נאָכגעגעבען און מיר האָבען דערזעהען אַ קליינע אַלטע פֿרוי מיט אַרונטערגעלאָזטע הענד און פֿערמאַכטע אויגען. זי איז געווען בעוועגלאָז און האָט אויסגעזעהען ווי צוגעקלעפּט צו דער וואַנד.

דאָס אַלע איז געווען אַזוי מאָדנע און אונערוואַרטעט, אַז די האָר האָבען זיך ביי מיר אויפֿגעשטעלט.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — האָב איך זי געפֿרעגט.

קיין ענטפֿער.

— ווער זענט איהר? — האָב איך ווידער געפֿרעגט.

זי שווייגט און שטעהט בעוועגלאָז מיט פֿערמאַכטע אויגען.

איינער פֿון מיינע פֿריינד האָט זיך אָנגערופֿען:

— מסתמא איז זי אַ מיטהעלפֿערין פֿון אַ באַנדע, וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען אַהער אין הויז. אַלע זיינען זיך צער־

לאָפּען, הערענדיג אונזערע טרעט, נאָר זי האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט דערויף און האָט זיך בעהאַלטען.

איך האָב איהר ווידער געשטעלט אַ פראגע, אָבער זי האָט ניט גערעדט, ניט געקוקט אויף אונז.

איינער האָט זי אַ שטופּ געטהון און זי איז אומגעפאַלען.

זי איז געפאַלען מיט'ן גאַנצען קערפּער ווי ס'פאַלט אַ שטיק האָלץ.

מיר האָבען זי געשטופּט מיט די פיס. צוויי האָבען זי אויפגעהויבען און צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. זי האָט ניט גע־וויזען קיינע סימנים פון לעבען. מיר האָבען צו איהר גערעדט הויך, גלייך אין אויער אַריין, אָבער זי האָט אַלץ געשוויגען.

אונזער געדולד האָט שוין געפּלאַצט, צוזאַמען מיט'ן כעס האָט זיך אויך געפיהלט אַ פחד. איינער האָט זיך אָנגערופען:

— טראָגט צו די ברענענדע ליכט גלייך צו איהר פנים.

איך האָב עס געטהון.

זי האָט געעפענט איין האַלבע אויג, אַ לעבענסלאָזע, פינסטערע און שוידערהאַפטע, אויף וועלכע ס'איז שווער די זאגען אַז זי זעהט עפּעס.

איך האָב אַוועקגענומען דאָס ליכט און געזאָגט:

— אַהא, וועסט דאָך רעדען, דו אַלטע מכשפה! ווער ביזטו?

דאָס אויג האָט זיך פערמאַכט, ווי פון זיך אַליין.

איך האָב נאָך אַמאָל צוגעטראָגען דאָס פייער צו איהר פנים.

דאַן האָבען זיך לאַנגזאם געעפנטביידע אויגען און האָבען געקוקט אויף יעדען פון אונז. פּלוצלינג האָט זי זיך אָנגעבויגען און אויסגעלאָשען דאָס ליכט מיט אַ טויט־קאַלטען אָטהעם. תיכף האָב איך דערפיהלט ווי דריי שאַרפע צייהן עסען זיך איין אין מיין האנד.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ציטערענדיג און נאָר פון אַ קאַלטען שווייס.

דער גוטער גלח איז געזעסען ביי מיר צופיסענס און תפלה געטהון.

— בין איך לאַנג געשלאָפֿען? — האָב איך איהם געפֿרעגט,

— אַ גאַנצע שעה ביזטו געשלאָפֿען, מיין זוהן, — האָט ער געזאָגט — מ׳האָט דיר געבראַכט דיין טאָכטער. זי וואַרט אין צווייטען חדר. איך האָב דיך ניט געלאָזט וועקען.

— אָה, מיין טאָכטער! — האָב איך אויסגעשריען — מיין טאָכטער! ברייננט מיין טאָכטער.

XLIII.

זי איז אַ פֿרישע און אַ געזונטע, מיט גרויסע, שוואַרצע אויגען. ווי שען זי איז!

זי איז אין אַ קורץ קליידעלע, וועלכעס פּאַסט איהר אזוי פֿיין.

איך האָב זי אַרויפֿגעזעצט אויף מיינע קניע, אַרומגענומען און געקושט איהרע האָר.

— פֿאַר וואָס איז די מוטער ניט געקומען?

די מוטער איז קראנק, די גרויסמוטער אויך. איך האָב עס פֿריהער געוואוסט.

זי קוקט אויף מיר פֿערוואונדעט, האָט זיך געלאָזט קושען און האַלזען, אָבער יעדע ווײַלע האָט זי אונרוהיג געקוקט אויף איהם אם, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און געוויינט.

ענדליך האָב איך זיך אָנגענומען מיט כחות און אָנגע־הויבען רעדען:

— מאַריע, מיין קליינע מאַריע!...

איך האָב זי פֿעסט צוגעדרוקט צו מיין ברוסט, וואַרגענ־דיג זיך מיט טרעהרען.

— אָה, ס׳טוט מיר וועה, מיין הערר! — האָט זי זיך אָנגערופֿען.

מיין הערר! שוין באַלד אַ יאָהר זייט מיר האָבען זיך געזעהען צום לעצטען מאָל. זי האָט מיך פֿאַרגעסען. פֿארגע־סען מיין פּנים, מיין קול, אַלץ פֿארגעסען. און ווער וואָלט מיך דען דערקענען מיט דער באָרד, אַ בלייכען, אַנ׳אויסגעמאַטער־טען און אין דיעזע קליידער?

מיין גאָט! האָט שוין אויך אָט דער איינציגער נפש, אין וועמענס זכרון איך האָב געהאָפט צו לעבען, אויך פֿאַרגעסען אין מיר? בין איך שוין מעהר ניט אָיהר פֿאָטער? האב איך שוין אפילו קיין רעכט ניט צו הערען דעם וואָרט פֿאָטער, וועלכער קלונגט אזוי שען אויף קינדערשע ליפען?

מיר האָט זיך שרעקליך פֿערגלוסט צו הערען איצט דאָס וואָרט נאָך אַמאָל פֿון׳ם קינדס מיילכעל; נאָר איין מאָל חאָטש. דאָס איז אַלעס, וואָס איך בעט פֿאַר׳ן לעבען, וועלכען מ׳נעמט ביי מיר אַוועק.

— הער אויס, מאַריע! האָב איך געזאָגט, נעהמענדיג איהרע קליינע הענטעלעך און מיינע — קענסטו דען מיך ניט?

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטהון מיט איהרע ליעבליכע אויגעלעך און געענטפֿערט.

— ניין, איך קען אייך ניט!

— קוק זיך נאָר גוט איין — האָב איך געזאָגט. ווי אַזוי ווייסטו עס ניט ווער איך בין?

— אָה, יאָ, איהר זענט אַ מאַן!

וועה! צו ליעבען מיט דעם גאַנצען הארצען, מיט דער גאַנצער נשמה, מיט אַלע געפֿיהלען איין און איינציג נפש׳ל אין דער גאַנצער וועלט, זעהען דאָס פֿאַר זיך, רעדען מיט דעם, הערען זיין ענטפֿער און וויסען אַז ער וויים דיך ניט און קען דיך ניט! צו וואַרטען פֿון דעם אויף אַ טרייסט וואָרט און ניט האָבען די מעגליכקייט צו ערקלעהרען דעם, וואָס פֿאַר פֿינס־טערע מינוטען דו לעבסט איבער פֿאַר׳ן טויט!

— מאַריא, — האָב איך זי געפרעגט — האָסטו אַ פֿאָטער?

— יאָ, מיין הערר!

— וואו זשע איז ער?

זי האָט מיך אָנגעקוקט פֿערוואונדערט.

— איהר ווייסט דען ניט? ער איז דאָך שוין טויט.

זי האָט אַ געשריי געטהון, ווייל איך האָב זי שיער ניט אַרונטערגעלאָזט פֿון מיינע קניע.

— טויט! וויסטו אָבער וואָס טויט הייסט?

— יאָ, מיין הערר! מען איז אויף דער ערד און אויפ'ן הימעל.

זי האָט פֿאָרטגעזעצט:

— איך בעט פֿאר איהם יעדען פֿריהמאָרגען און יעדען אווענד, זיצענדיג אויף דער מאַמאַ'ס שויס.

איך האָב אַ קוש געטהון איהר שטערען.

— מאַריע, בעט אויך איצט פֿאר איהם.

— כ'קען ניט, מיין הערר. מ'טאָר ניט בעטען בייטאָג. קומט צו אונז אין הויז היינט אָווענד וועט איהר עס הערען.

מעהר האָב איך שוין זיך ניט געקענט איינהאַלטען. איך איך האָב איהר איבערגעשלאָגען די רייד:

— איך בין דיין פאפא, מאַריע.

— נו! — האָט זי אויסגעשריען.

— וואָלסט וועלען אַז איך זאָל זיין דיין פאַפא?

זי האָט אַ קעהר געטהון מיט'ן קעפעל און געענטפֿערט:

— ניין, מיין פאַפאַ איז געוועזן שענער פֿון אייך.

איך האָב זי באַדעקט מיט קושען און טרעהרען. זי האָט זיך געריסען פֿון מיינע הענט, שרייענדיג:

— איהר שטעכט מיך מיט אייער באָרד!

איך האָב זי צוריק אַוועקגעזעצט אויף מיינע קניע, ניט אַראָפּנעהמענדיג פֿון איהר קיין אויג.

— קאָנסטו לייענען, מאַריע? — האָב איך זי אַ פֿרעג געטהון.

— יאָ, — האָט זי געענטפֿערט — איך לייען גוט! די מאַמאַ האָט מיך אויסגעלערענט.

— אַנו, לעז נאָר אַביסעל! האָב איך זיך אָנגערופֿען, אָנ־ציייגענדיג אויף אַ פאַפיר, וואָס זי האָט צוזאַמענגעדריקט מיט איהרע קליינע הענטלעך.

זי האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

— ניין, איך לייען נאָר פֿאַבעלען.

— פרוב אָבער.

זי האָט צעשפּרייט דאָס שטיק פּאַפּיר און האָט אָנגעהויבען טייטלענדיג מיט אַ פֿינגער.

— או—ר—אור—טהיי—ל—טהייל, אורטהייל...

איך האָב אַרויסגעריסען דעם פּאַפּיר פֿון איהרע הענד. זי האָט מיר פֿאָרגעלעזען מיין טויט־אורטייל! איהר אַם האָט עס געקויפֿט פֿאַר אַ סו. מיך האָט עס געקאָסט פֿיעל טייערער.

ס'איז פֿאַר מיר אונמעגליך צו בעשרייבען וואָס איך האָב געפֿיהלט, מיין אויפֿרעגונג האָט זי געשראָקען; זי האָט זיך צעוויינט.

— גיב מיר אָפּ מיין פּאפּיער. איך וויל זיך שפּיעלען דערמיט.

איך האָב זי איבערגעגעבען צו איהם אַם.

— נעמט זי אַוועק! — האָב איך געבעטען.

איך בין צוריק געפֿאַלען אויפֿ'ן ביינקעל עלענד, נידערגעשלאָגען און פֿערצווייפֿעלט. איצט מעגען זיי קומען. איך האָב שוין גאָר ניט אויף דער וועלט. דער לעצטער פֿאָדעם איז איבערגעריסען; איך בין גלייכגילטיג צו אַלץ וואָס דאַרף פּאַסירען.

XLIV.

דער גלח, דער אויפֿזעהער, זיינען זעהר גוטהערציגע מענשען. איך האָב, דאַכט מיר, באַמערקט ווי זיי האָבען געוויינט, ווען מ'האָט אַוועקגעפֿיהרט דאָס קינד.

ס'אַיז מיר אָבער אַלץ איינס. איצט דאַרף איך זיך אָנשטריינגען, אַריינקוקען איך זיך זעלבסט און טראַכטען פֿונ'ם הענקער, פֿונ'ם טויטען־וואָגען, פֿון די זשאַנדאַרען, פֿונ'ם עולם אויף'ן בריק, פֿונ'ם עולם אויפֿ'ן ברעג און אין די פֿענסטער און וועגען די הכנות וואָס קומען פֿאָר צוליב מיר אויפֿ'ן פלאַץ

„דע גרעוו", וועלכען מ'קען שוין אויסברוקירען מיט דער גרויסער צאָהל קעפּ, וואָס זיינען דאָרט געפאַלען.

איך האָב נאָך אַ שעה צייט כדי זיך צוגעוועהנען צום געדאַנק וועגען די אַלע זאַכען.

XLV.

די גאַנצע מאַסע צושויער וועט לאַכען, זיך פרעהען, און און אַפּלאָדירען. און צווישען אָט די, היינט צו טאָג, פרייע מענשען, וועלכע וויסען ניט פון געפענגניש און לויפען מיט שמחה צום הינריכטונגס־פּלאַץ; צווישען דעם ים קעפּ, וועלכער וועט רוישען אַרום מיר,—געפינט זיך ניט איין קאָפּ, וואָס וועט פריהער אָדער שפּעטער נאָכפאָלגען מיין קאָפּ אינ'ם בלוטיגען קאָרב. ניט נאָר איינער, וואָס קומט היינט אָנקוקען מיין סוף, וועט מיט דער צייט האָבען דעמזעלבען סוף.

פאר דיעזע אונגליקליכע איז דער פּלאַץ „דע גרעוו" אַ צוציהענדער מיטעלפּונקט, אַ מין נעץ, וועלכער רופט זיי און ציהט זיי, ביז זיי וועלען אַליין אַריינפאלען אין איהם.

XLVI.

מיין טהייער |עופּ'לע! מ'האָט זי אַוועקגעפיהרט אַ היים צו איהרע שפּיעלצייג. זי קוקט מסתמא, דורכ'ן פענסטער פון דער קאַרעטע, אויף דער מאַסע מענשען און טראַכט מעהר ניט פונ'ם „הערר".

אפשר איז נאָך דאָ גענוג צייט אום אָנצושרייבען אַ פּאָר בלעטלאַך פאר איהר? כ'וויל אַז שפּעטער, ווען זי וועט שוין אַלט זיין פופצעהן יאָהר, זאָל זי עס דורכלעזען און אויסוויינען זיך אויף היינטיגען טאָג.

יאָ, פאַר מיר איז נויטיג, אַז זי זאָל וויסען מיין געשיכטע, געשריבען מיט מיין האַנד און פאר וואָס מיין נאָמען, וואָס איך לאָז, איז באַפלעקט מיט בלוט.

XLVII.

מיין לעבענס געשיכטע.

א באַמערקונג פֿונ׳ם אַרויסגעבער. די ווייטערדיגע בלעטלעך פֿון דעם מאַנוסקריפּט האָבען מיר ניט געקאָנט אויסגעפֿינען. פֿון דער ווייטערדיגער בע־שרייבונג שיינט עס, אַז דער פֿערמשפּט׳ער האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט זיי אָנצושרייבען, צו שפּעט איז איהם דער געדאַנק אַרויף אויפ׳ן זינען.

XLVIII.

„דע וויל".

ענדליך בין איך שוין דאָ.

איך בין שוין איבערגעקומען די שרעקליכע רייזע אָט דאָרט איז דער פּלאַץ און אונטער די פענסטער קאָכט זיך דער עולם, לאַכט און שרייט און וואַרט מיט אונגעדולד.

אומזיסט האָב איך געוואָלט זיך אָננעהמען מיט מוטה. די כחות האָבען מיך פֿאַרלאָזען. מיין האַרץ האָט ניט אויסגע־האַלטען, ווען איך האָב דערזעהען איבער׳ן ים קעפּ צוויי גרויסע, בלוטיגע הענד מיט׳ן שוואַרצען דרייעקיגען מעסער, וועלכע האָבען זיך ווי אויסגעשפּרייט אַקעגען מיר. איך האָב מודיע געווען אַז איך וויל געבען די לעצטע ערקלעהרונג. מ׳האָט מיך געבראַכט אַהער און געשיקט נאָכ׳ן פּראָקוראָר. איצט וואַרט איך אויף איהם און דערווייל האָב איך פֿיעל צייט געוואונען.

אָט ווי ס׳איז פֿאָרגעקומען.

דריי אַ זייגער זיינען זיי געקומען נאָך מיר. איך האָב אָנגעהויבען ציטערען, גלייך ווי אין די לעצטע זעקס שעה, זעקס וואָכען, זעקס חדשים, האָב איך געטראַכט פֿון עטוואָס אַנדערש. איך בין אַזוי איבעראַשט געוואָרען, גלייך ווי דאָס וואָלט געקומען גאַנץ אונערוואַרטעט.

זיי האָבען מיך געפֿיהרט דורך לאַנגע קאָרידאָרען און מיר האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון טרעפּ. מ׳האָט מיך אַריינגעפֿיהרט אונטען אין אַ פֿינסטערען, ענגען חדר אין וועלכען ס׳האָט זיך

קוים דורכגעשלאָגען דורך אַ קליין פֿענסטערל אַ שטיקעל שיין פֿונ'ם רעגענדען, חמורעם טאָג.

אין מיטען חדר איז געשטאַנען אַ ביינקעל. מ'האָט מיר געהייסען זיך אַוועקזעצען און איך האָב געפֿאָלגט.

ביי דער טיר און אַרום די ווענט זיינען געשטאַנען מענשען. אַ חוץ דעם גלח און זשאַנדאַר, האָב איך באַמערקט נאָך דריי מענשען.

איינער פֿון זיי, דער העכסטער און עלטסטער האָט געהאַט אַ רויט, פֿעט פנים. ער האָט געטראָגען אַ מאַנטעל און אַ משונה'דיגע, דרייעקיגע הוט.

דאָס איז ער—דער הענקער, דער משרת פֿון דער גיליאָטינע.

די אַנדערע צוויי — זיינע משרתים.

באַלד ווי איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, האָבען זיך די צוויי אונטערגע'גנבה'ט צו מיר ווי קעץ. איך האָב מיט אַ מאָל דערפֿיהלט אַ קאַלטען שטאָהל אויפֿ'ן קאָפּ. מיינע אויערען האָבען דערהערט אַ סקריפּ פֿון אַ שעהר.

גאַנצע בינטלאַך אָבגעשוירענע האָר זיינען געפֿאַלען אויף מיינע אַקסלען און דער מאַן מיט'ן דרייעקיגען הוט האָט פּאַמעליך אַרונטערגעשאַרט מיט זיין שטאַרקער האַנט.

די מענשען האָבען גערעדט צווישען זיך שטיל.

און פֿון גאַס האָט זיך אַריינגעריסען אַ רעש, גלייך ווי אַ וואַסער וואָלט געבושעוועט. נאָר דער הויכער געלעכטער און איינצעלנע קולות האָבען מיך איבערצייגט אַז דאָס איז די מאַסע.

אַ יונגער מאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביים פֿענסטער און געשריבען, האָט געפֿרעגט דעם אויפֿזעהער, וואָס אַזוינס טהוט מען מיט מיר.

— דאָס מאַכט מען דעם טואַלעט, — האָט יענער געענטפֿערט.

דאָס איז, וואַהרשיינליך, געוועז אַ צייטונגס קאָרעספּאָנדענט. מאָרגען וועט די צערעמאָניע בעשריבען זיין אין די צייטונגען.

פלוצלינג האָט איינער פֿון די משרתים אַרונטערגענומען פֿון מיר מיין רעקעל און דער צווייטער האָט מיך געחאַפּט ביי די הענט, וועלכע זיינען אַראָפּגעהאַנגען הילפֿלאָז, האָט זיי פֿאַרלייגט ביי מיר אויפֿ'ן רוקען און צוזאַמענגעבונדען.

אַ צווייטער האָט אַרונטערגענומען מיין האַלז־טוך. מיין העמד, דאָס איינציגע, וואָס איז איבערגעבליבען פֿון מיין פֿריה־ערדיגען אַנצוג, האָט זיי אַביסעל געבראַכט אין פֿאַרלעגענהייט; ענדליך האָבען זיי יוצא געווען נאָר מיט אָפּשניידען דעם קראַגען.

אָט די שרעקליכע פֿאָרבערייטונגען, דאָס אָנריהרען פֿונ'ם קאַלטען שטאָהל אין מיין האַלז, האָבען מיך געמאַכט שוידערען, אַ קרעכץ האָט זיך אַריינגעריסען פֿון מיין נשמה. דעם הענ־קערס האַנט האָט געציטערט.

— זייט מיר מוחל, מיין הערר, האָט ער געזאָגט — בין איך ניט פֿאָרזיכטיג גענוג?

וואָס פֿאַר העפֿליכע לייט עס זיינען די הענקערס!

די געשרייען פֿון דער מאַסע אין גאַס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען.

דער פֿעטער מאַן מיט'ן רויטען געזיכט, האָט מיר דער־לאַנגט אַ האַנדטוך איינגעטונקט אין עסיג, צום שמעקען.

— איך דאַנק אייך, — האָב איך געזאָגט מיט אַ פֿעסטער שטימע — ס'איז ניט נויטיג. איך פֿיהל זיך גאַנץ גוט.

איינער פֿון די משרתים האָט זיך אָנגעבויגען צו בינדען מיינע פֿים מיט אַ שטריק אַזוי, אַז איך זאָל נאָר קענען מאַכען קליינע טריט. דעם עק פֿונ'ם שטריק האָט ער צוזאַמענגעבונ־דען מיט'ן שטריק, וואָס אויף די הענט.

דער פֿעטער מאַן האָט דערנאָך אַרויפֿגעוואָרפֿען דעם ראָק איבער מיינע אַקסלען און פֿאַרבונדען די אַרבעל אונטער מיין באָרד. דערמיט האָט זיך געענדיגט מיין טואַלעט.

דער גלח איז צו מיר צוגעקומען מיט'ן צלם.

— קום, מיין זוהן, האָט ער געזאָגט.

די משרתים האָבען מיך גענומען אונטער די הענט, איך בין אויפגעשטאַנען און געגאַנגען. די פּים האָבען זיך קוים געשלעפּט.

אַ גרויסע טיר האָט זיך פֿאר מיר געעפֿענט. די ווילדע געשרייען פֿונ'ם המון, די קיהלע לופט און די ליכטיגע שיין — דאָס אַלעס האָט מיך צוטומעלט. איך האָב דערזעהען אַ שרעקליכע סצענע. אונטער דעם פֿאַלענדען רעגען, האָב איך מיט אַמאָל דערזעהען אויף די טרעפּ פֿון פּאַלאַץ אַ מחנה שרייענדע קעפּ, פֿון דער צוזאַמענגעפּרעסטער מאַסע. רעכטס—אַ שורה רייטענדע זשאַנדאַרען, פֿון פֿאָרענט — אַנ'אַבטיילונג סאָלדאַטען אויסגעשטעלט ווי צו אַ מלחמה, לינקס — אַ וואָגען צו וועלכען ס'איז געווען צוגעשטעלט אַ לייטער. אָט דאָס שוידערהאַפּטע בילד, מיט די עקעלהאַפּטע איינצעלהייטען האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי אַיינגעראַמט אין די טירען פֿון געפֿענגניש צוליב דיעזען שרעקליכען מאָמענט האָב איך זיך אָנגעשטריינגט און אָנגענומען מיט מוטה.

—אָט איז ער! אָט איז ער! קוקט איהם אָן! האָט געשריען דער המון — ענדליך קומט ער!

די, וועלבע זיינען געשטאַנען נאָהענט, האָבען אָנגעהויבען אַפּלאָדירען. ווער דער קעניג אַליין זאָל זיך ווייזען, וואָלט ער ניט אַרויסגערופֿען אַזאַ ענטציקונג.

דער וואָגען איז געווען אָ גאַנץ פּשוט'ער, מיט אַנ'אויסגעדאַרט פֿערדעל. דער אָנטרייבער, איז געווען אין אַ בלאָען אַנצוג מיט רויטע פּאסען, ווי עס טראָגען די גרינס-הענדלער אַרום „ביסעטר".

דער פֿעטער מאַן איז אריין דער ערשטער אין וואָגען.

— אַ גוטען טאָג אַייך, העדר סאַנסאָן! — האָבען נאָכגעשריען די קינדער.

איינער פֿון די משרתים איז געווען דער צווייטער אין וואָגען.

— בראַוואָ, מאַרדי! — האָבען די קינדער נאָך אַמאָל געשריען.

איצט איז געקומען מיין רייהע. איך בין אַרויף אויפ'ן וואָגען גאַנץ פעסט.

— אַ בריה אַ יונג! ער געהט דאָך נישקשה! — האָט זיך אָנגערופען אַ פרוי, וועלכע איז געשטאַנען נעבען די זשאַנדאַרען.

דער האַרצלאָזער קאָמפּלימענט האָט מיר געגעבען מוטה. דער גלח האָט זיך נעזעצט נעבען מיר. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט אויפ'ן לעצטען זיץ, מיט'ן רוקען צום פערד. אָט די אויפמערקזאַמקייט האָט מיך געשווידערט. אין דער לעצטער מינוט ווילען זיי זיין וואס פריינדליכער.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. פון אַלע זייטען זשאַנדאַרען און דערנאָך ד מאַסע, מאַסע גאָר אָהן אַ סוף. אַ גאַנצער ים קעפ.

אַנ'אָפיצער האָט געגעבען אַ בעפעהל צו די זשאנדאַרען און דער וואָגען האָט זיך געריהרט, גלייך ווי דער געשריי פונ'ם המון וואָלט איהם געשטופט.

די לופט איז געווען פול מיט אַ רעש און געשרייען. די בריקען און דער ברעג האָט מיטגעשריען. און מיר האָט זיך גערדאַכט אַז די גאַנצע ערד שרייט און ציטערט.

— אַרונטער די היטלען! די היטלען אַרונטער! האָבען בעפוילען טויזענטער קולות — גלייך ווי אַ קעניג וואָלט זיך בעוויזען.

מיר איז אַרויף אויפ'ן גערדאַנק אַ ביטערער וויץ. איך האָב זיך אָנגערופען צום גלח:

— זיי נעמען אַראָפ די היטלען און מיר וועט מען דעם קאָפ אַראָפנעהמען.

מיר זיינען געפאָהרען לאַנגזאַם.

דער פלאַץ איז געווען פול מיט בלומען. ס'איז גראדע געווען אַ בלומען מאַרק־טאָג. די בלומען־פערקויפערינס האָבען אַוועקגעוואָרפען זייער סחורה, אום צו חאַפען אַ קוק אויף מיר. אַקעגען דעם געריכט שטעהען עטליכע שענקען. זיי זיינען

אַלע געווען פֿול מיט מענשען. די פֿענסטער, די בוידעמס זיינען געווען געפּאַקט מיט צושויער, איבערהויפּט פֿרויען, וועלכע זיינען געווען זעהר צופֿריעדען, וואָס זיי האָבען גוטע פּלעצער.

אַ גליקליכער טאָג פֿאַר די בעזיצער פֿון די שענקען!

טישען, ביינק, וואָגענס און אויפֿגעשטעלטע פּלאַטפֿאָרמס— אַלעס איז פֿערדונגען. יעדע זאַך קרעכצט אונטער דער שוועהרער משא פֿון מענשען.

— ווער דאַרף אַ פּלאַץ? אַ גוטען פּלאַץ ווער קויפֿט?— האָבען אויסגעשריען סוחרים.

איך בין געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף דער בלוטדורשטיגער מאַסע און מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען:

— ווער וויל קויפֿען מיין פּלאַץ?

דער וואָגען האָט זיך געשלעפּט ווייטער, דער עולם האָט געמאַכט פֿאַר מיר אַ וועג און אונטער מיר, זיך ווידער צוזאַמענגעגאָסען.

מיינע אויגען האָבען זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט אויף אַן'אַבגעזונדערטען שוואַרצען טהורעם, וועלכער איז געווען העכער פֿון אַלע הייזער, בעציהרט מיט פֿיגורען און מיט צוויי שטיינערנע בריאות פֿון אויבען. איך ווייס אַליין ניט צוליב וואָס, איך האָב אַ פֿרעג געטהון דעם גלח, ווי אַזוי דער טהורם הייסט.

—סט. זשאַק־לאַ־בושערי,—האָט דער הענקער געענטפֿערט.

ניט קוקענדיג אויפֿ'ן נעבעל און גערדיכטען רעגען, האָב איך פֿונדעסטוועגען באַמערקט יעדע קליינינקייט. יעדע איינצעלהייט האָט פֿאַר מיר געעפֿענט אַ קוואַל שמערצען. ס'זיינען ניטאָ קיין ווערטער אויף אויסדריקען, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט.

אויפֿ'ן בריק, וועלכער איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז דער וואָגען האָט זיך געשלעפּט מיט גרויסע שוועריגקייטען, האָט מיך מיט אַמאָל אָנגענומען אַזאַ פּחד, אַז איך האָב שיער ניט גע'חלש'ט. מיין שטאָלץ האָט עס אָבער ניט דערלאָזען! איך האָב פֿעסט בעשלאָסען זיין טויב און בלינד צו אַלעס וואָס קומט פֿאָר און האָב זיך אָנגעשטריינגט צו הערען דעם גלח'ס ווערטער, וועלכע זיינען אַלע ווילע איבערגעריסען געוואָרען פֿונ'ם שרעקליכען טומעל.

איך האָב גענומען דעם צלם און א קוש געטהון.

— האָב רחמנות אויף מיר, אָה, גאָט מיינער! — האָבען מיינע ליפּען געשעפּטשעט און איך האָב געוואָלט טראַכטען פון גאָט.

אָבער יעדער טרייסעל פון וואָגען האָט איבערגעריסען אַלע מאָל דעם פאָדעם פון מיינע געדאַנקען. איך האָב דערפיהלט אַ ביטערע קעלט דער רעגען האָט מיך דורכגענעצט און נאַס געמאַכט מיין קאָפּ דורך די קורץ־געשוירענע האָר.

— ציטערסט פון קעלט, מיין זוהן? — האָט זיך דער גלח נאָכגעפרעגט.

— יאָ, האָב איך געענטפערט.

כ'האָב אָבער געציטערט ניט בלויז פון קעלט.

ביים סוף בריק, האָבען אַ פּאָר פרויען מיך בעדויערט, ווייל איך בין נאָך אַזוי יונג.

מיר זיינען אָנגעקומען צום שוידערהאַפטען פּלאַץ. מיין קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען און איך האָב פערלאָרען די חושים פון זעהען און הערען. די ווילדע געשרייען, די קעפּ אין די פענסטער, טירען, פּאַרקאַנס; די בלוטדורשטיגע, גרויזאַמע צושויער: די גרויסע מאַסע, פון וועלכע יעדער איינער קאָן מיך און איך קאָן קיינעם ניט; דער וועג פול פון ביידע זייטען מיט מענשליכע פּנים'ער — דאָס אַלעס האָט מיך געמאַכט שכור אויפגערעגט ביז משוגעת. פיהלען אויף זיך אַזוי פיעל דורשטיגע בליקען—דאָס איז אונמעגליך איבערצוטראגען.

איך בין געזעסען אויף מיין פלאַץ און שוין נוט געהערט מעהר דעם גלח, ניט געזעהען דעם צלם. אינ'ם טומעל האָב איך שוין ניט געקענט אַ חלוק מאַכען צווישען די פרעהליכע געשרייען און רחמנות־געשרייען. אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט אין מיין מיעדען מח.

מעכאַניש האָבען מיינע אויגען געלייענט די שילדען אויף די געשעפטס־הייזער.

אַ מאָדנע זאַך. מיט אַמאָל האָב איך דערפיהלט אַ פערלאַנג זיך אומצודרעהען און צו זעהען וואוהין מ'האָט מיך צו־

געפֿיהרט. דאָס איז געווען דער לעצטער פֿערזוך פֿון מיין פֿערשטאַנד. אָבער מיין קערפּער האָט מיך שוין ניט געפֿאָלגט און איך האָב ניט געקענט ריהרען מיט'ן קאָפּ. זי איז אַזוי ווי אָבגעשטאָרבען. איך האָב נאָר באַמערקט לינקס אַ טהורם פֿון נאָטערדאַם, פֿון אונטער וועלכען ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ צווייטער טהורם. אויף'ן טהורם איז געהאַנגען אַ פֿאָהן. ס'זיינען דאָרט געווען אַ סך מענשען, וועלכען האָבען געהאַט גאַנץ גוטע פּלעצער אום צו זעהען אַלעס.

און דער וואָגען איז נאָך אַלץ געקראָכען ווייטער און ווייטער. עס זיינען פֿאָראיבער געשעפֿטען, שילדען, מאַנכע איינפֿאַכע, מאַנכע בעציהרטע; מענשען האָבען געטראָטען אין בלאָטע, זיך נאָכגעשלעפּט און געטומעלט און איך בין מיטגעשלעפּט געוואָרען אינ'ם שטראָם, ווי אַ שלאָפֿענדער פֿון זיינע חלומות.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט ווי די געשרייען זיינען מיט אַמאָל שטאַרקער, לעבהאַפֿטער און פֿרעהליכער געוואָרען. דער וואָגען האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט און איך בין שיער ניט אומגעפֿאַלען מיט'ן פּנים אַראָפּ. דער גלח האָט מיך אונטערגעהאַלטען און אַריינגערוימט אין אויער: „זיי שטאַרק!" דאַן האָט מען צוגעשטעלט אַ לייטער צום וואָגען. דער גלח האָט מיר דערלאַנגט זיין האַנט, איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט, געפּרובט אַ טראָט טהון און ניט געקענט זיך ריהרען. צווישען די צוויי לאַטערנעס האָב איך דערזעהען עטוואָס שוידערהאַפֿטעס!

אָה! אָט איז ענדליך די ווירקליכקייט!

איך האָב זיך אָבגעשטעלט. ס'האָט מיך אַ טרייסעל געטהון, ווי פֿון אַ מורא'דיגען קלאַפּ.

— איך וויל געבען מיין לעצטע ערקלעהרונג! — האָב איך אויסגעשריען מיט אַ שוואַכען קול.

דאַן האָבען זיי מיך געבראַכט אַהער.

איך האָב געבעטען זיי זאָלען מיר ערלויבען אָנצושרייבען מיין לעצטען ווילען. מ'האָט מיר אויפֿגעבונדען די הענט; די שטריק ליגט נעבען מיר און אַלעס איז צוגעגרייט.

XLIX.

אַ ריכטער, אָדער אַ קאָמיסאר אָדער אַנ'אַנדער מין בעאַמטער, איז אַריינגעקומען צו מיר. איך האָב איהם געבעטען, אַז מ'זאָל מיר מוחל זיין, איך האָב געבראָכען די הענט און געקראָכען פֿאַר איהם אויף מיינע קניע.

— בעגנאַדיגונג! בעגנאַדיגונג! האָט רחמנות אויף מיר. ליינט עס אָפּ בלויז אויף פֿינף מינוט.

ווער ווייסט? אפשר וועט נאָך אָנקומען אַ בעפֿעהל וועגען בעגנאַדיגונג!

ס'איז דאָך שרעקליך צו שטאַרבען אַזוי יונג פֿון אַזא טויט! ס'טרעפֿט ניט איינמאָל, אַז אין דער לעצטער מינוט בעגנאַדיגט צו ווערען, אויב ניט איך?

דער טייפֿעלשער הענקער! ער איז צוגעגאַנגען צום ריכטער איהם זאָגען, אַז די שטראף מוז אויסגעפֿיהרט ווערען אין דער בעשטימטער שעה, אַז די שעה שלאָגט שוין באַלד, אַז ער איז פֿעראַנטוואָרטליך און אַז דער רעגען גיסט און די מאַשין קאָן פֿערזשאַווערט ווערען.

אָה, האָט רחמנות! נאָך איין מינוט. אפשר וועט דאָך אָנקומען די בעגנאַדיגונג!... אָדער איך וועל זיך בעשיצען, איך וועל בייסען!...

דער ריכטער און דער הענקער זיינען אַרויסגעגאַנגען. איך בין אַליין מיט די זשאַנדאַרען.

אָה! די רוצחים מיט זייערע ווילדע היענע געשרייען! ווער ווייסט, אפשר וועט מיר דאָך געלינגען אַרויסצודרעהען זיך, אפֿשר וועל איך דאָך געראַטעט ווערען, אפשר בעגנאַדיגונג— ס'איז אונמעגליך אַז מ'זאָל מיר ניט מוחל זיין.

אָה, פֿאַרשאָלטען! מיר דאכט זיך, אַז איך הער זייערע טריט אויף די טרעפּ.

פֿיער אַ זייגער.

— ענדע. —